שנה ה׳
פרשת פקודי
תשפ״ה
נומער 260

# קרית ברסלב בלאטל



שפיגל:
וואשינגטאן
עיר הבירה

וועלטליכע נייעס:
מלחמה אין מיטל מזרח
פלאקערט ווייטער

געדאנקען:
אונזער נס
איפן ווארטסבארא

קוק אהער:
א בחור
מיט סניקערס



מעמד לחיים נאכן יציקת הבורות

## מה מקוה מטהר את הטמאים

דערהויבענע מעמד יציקת הבורות ביים נייעם גרויסן בית המדרש אין קרית ברסלב
בהשתתפות דעם ראש ישיבה שליט״א און די חשובע כולל אינגעלייט
נתנדב ע״י מו״ה אברהם שבתי מזרחי הי״ו לע״נ זיינע חשובע זיידעס ז״ל

דִּי וָואךְ: שַׁבָּת פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי
שְׁרֵייט מֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל:

# "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"

# קרית ברסלב בלעטל

260 • פרשת פקודי תשפ"ה



מלמדים קאמפיין 5




אייסקרים דעליווערי 12




ג'גנב'טע פערד! 16



4 שטעטל נייעס

11 אלץ און אלעמען

25 ברסלב'ע שטוב

39 קינדער בלעטל



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער

**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרוק



צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייננצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
איף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

איף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
פקודי כ"ט אדר

הדלקת הנרות . 07:02
מוצאי שבת ..... 08:33

**מנחה מעריב**
**פרשת ויקרא 8:20**









# בריוו צו די רעדאקציע

## א קליינע באמערקונג

צו די חשובע רעדאקציע פונעם הערליכן קרית ברסלב בלעטל

איך וויל מיר באדאנקען פאר אלע וואס לייגן אריין כוחות עס זאל ארויסקומען אזא הערליכע בלעטל וואך איין וואך אויס, איך באלעק מיך מיט יעדע עמוד, יעדע ארטיקל און אזוי ווייטער, אייער זכות איז גרויס.

איך וואלט געוואלט מעורר זיין אויף דעם וואס איז געשטאנען ביי די ברסלב'ע שטוב, אז איינער האט אריינגעקוקט אין איינעם'ס טעלעפאון אן רשות כדי צו טרעפן די האטליין נומער.

דאס איז לכאורה נישט אויסגעהאלטן צו טון, עס קען זיין די מעשה איז געגאנגען אביסל אנדערש, און בטעות איז עס אזוי ארויסגעקומען אויפן פאפיר.

גייט ווייטער אן מיטן ברענגען ריינע רייכע אינהאלט יעדע איינציגע וואך.

ה. גאלד

## איבערן פסח בלעטל הבעל"ט

צו די חשובע קרית ברסלב בלעטל

איך האב גאר שטארק הנאה יעדע איינציגסטע וואך פון די רייכע חומר וואס די בלעטל פארמאגט אין זיך, עס איז ציענד און תוכנ'דיג אויף איינמאל, דער אייבערשטער זאל אייך ווייטער געבן כח אנצוגיין מיט די געוואלדיגע ארבעט.

אויב מען קען צולייגן אן הערה, אזוי ווי עס קומט יעצט דעם יום טוב פסח וואס איז דא א מער אן אינטערעסע צו האבן אסאך חומר אינעם בלעטל, וואלט איך געוואלט בעטן אויב מען קען אפשר אהערשטעלן א שיינע באשרייבונג, אזוי אויך אן אינטערוויו מיט עפעס אן אייגענארטיגער פערזענליכקייט, וואס קען זיין אינטערעסאנט און תוכנ'דיג.

נאכאמאל א גרויסן שכח פאר יעדע וואך וואס איר שטעלט אהער אזא געוואלדיגע ארבעט.

ג. ווייס בארא פארק

## תשובה:

א גרויסן שכח פאר אייער גוטע פידבעק, עס מאכט אסאך אויס צו הערן גוטע גריסן.

בנוגע די יום טוב'דיגע אויסגאבע, מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארבעט די רעדאקציע פיבערהאפטיג אויף עפעס גאר א גרויסע און רייכע באשרייבונג וואס אזאנס איז נאכנישט געווען אינעם בלעטל ביז אהער,ווארט מיט שפאנונג, עס קומט א גוטס אם ירצה השם.

אזוי אויך וועט זיין א שיינעם אינטערוויו, אפשר אפילו מער פון איינס מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

בעטס דעם אייבערשטן עס זאל ארויסקומען ווי עס דארף זיין, ציענד און תוכנ'דיג אויף איינמאל.

ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר זיך גאר שטארק באדאנקען פון טיפעניש פון הארץ פאר אלע וואס האבן נאר א חלק אינעם הערליכן אויסגאבע וואס קומט ארויס ברוך יעדע וואך.

אנגעהויבן פון די שרייבערס ביי די מענער אפטיילונג און אזוי אויך ביי די ברסלב'ע שטוב, עס נעמט מער צייט ווי מען מיינט, קודם דארף מען האבן דעם רעיון פונעם ארטיקל, דערנאך עס אראפשרייבן ריכטיג אדער רעקארדירן און עס דערנאך אראפשרייבן.

דערנאך קומט די חלק פון די וואס קוקן עס איבער עס זאל נישט האבן קיין טעותים, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

אזוי אויך ווילן מיר זיך באדאנקען פאר מו"ה ישראל העסקעל הי"ו און מו"ה בערל שניטצלער הי"ו וואס שטעלט אהער די גרעפיק וואס עס פעלט זיך אויס יעדן איינציגן וואך.

אויך קומט זיך א גרויסן דאנק פאר מו"ה אהרן קליטניק הי"ו וואס שטעלט אהער יעדע וואך א מעשה פון א צדיק וואס זאל זיין פאסיג פאר די חשובע ליינערס, א גרויסן שכח.

און פאר אלע וואס העלפן נאר ארויס, זאל ענק דער אייבערשטער באצאלן מיט כל טוב וטוב.

# דערהויבענע מעמד
# יציקת הבורות
# ביים נייעם שול

געלויבט דעם אייבערשטן אז די ארבעט צו בויען דעם נייעם שול גייט גאר שנעל, עס דערקענט זיך די תפילות פון אלע אנשי שלומינו וואס בעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל פארן שנעל אן קיין מכשולות, מען זעט א ספעציעלע סייעתא דשמיא, און די ארבעט פארט שנעל און געשיקט, קוים האט מען געמאכט די פלענער, און יעצט האלט מען שוין נאכן גראבן, מען האט שוין געגאסן די יסודות, די ווענט, די אונטערערדישע פלאמבינג, די סלעב פונעם אונטערשטן שטאק, מען האלט שוין טיף אינמיטן די פרעימינג, מען האט שוין אפילו געלייגט די באלקענעס פארן דאך, די דרויסנדיגע סטרוקטור איז שוין כמעט פארטיג.

יעצט איז געקומען די צייט צו גיסן די בורות פאר די מקוה, אין וואס די פילע שטעטל איינוואוינער וועלן זיך מקדש און מטהר זיין טאג טעגליך איידער מען גייט דאווענען, אזוי אויך פאר א מצוה, אדער ערב שבת ויום טוב. דער בוי מייסטער מוה"ר אברהם שבתי מזרחי הי"ו האט אפגעקויפט די זכיה פון די בורות המקוה לע"נ זיינע זיידעס און באבעס, מען בויעט בעז"ה דריי בורות, איין בור וועט זיין ווארעם, איינס וועט זיין מער לוילעך און איין וועט זיין מער הייס. איין בור איז נתנדב געווארן לע"נ ר' חיים ב"ר יעקב וזוגתו סאסא בת ר' יעקב ע"ה סאאל, די צווייטע בור איז נתנדב געווארן לע"נ ר' משה ב"ר נסים יוסף וזוגתו רינה בת ר' רחמים ע"ה דאנא, און די דריטע בור איז לע"נ ר' דוד ב"ר שבתי וזוגתו פלורה בת ר' יצחק ע"ה מזרחי.

די גאנצע פראצעדור איז דורכגעארבעט געווארן דורך די תלמידי חכמים די לומדי הכולל וואס זענען בקיאים אין די שווערע קאמפליצירטע הלכות מקוואות, וואס האבן אויסגעקנאטן און דורכגעטון דעם גאנצן סוגיא און זיכער געמאכט אז עס ווערט געבויעט בהידור רב ועל פי הלכה. יעצט ווען מען האט שוין געהאלטן דא איז דער ראש ישיבה שליט"א מיט די תלמידי חכמים פונעם כולל אראפ געקומען פערזעליך מיטצוהאלטן ווי מען פירט אויס די ארבעט אויף די ריכטיגע וועג.

דער נדבן מו"ה אברהם שבתי הי"ו מיט זיינע קרובים בראש פון זיינע חשובע עלטערן זענען געקומען מיטהאלטן דעם פרייליכן מאמענט ווי מען גרייט זיך צו בויען א מקוה און האבן די זכיה אז א מקוה וועט זיין לעילוי נשמת פון די חשובע עלטערן ז"ל.

ווען מען האט געענדיגט גיסן האט מען געשטעלט לחיים אויפן טיש, מען האט זיך אראפגעזעצט און מען האט געזינגען עטליכע פרייליכע ניגונים לכבוד דעם געלעגענהייט, דערנאך האט ראש ישיבה שליט"א געשמועסט אביסל מיט די פארזאמלטע און פון דארט געגאנגען צו די מוסדות, מחזק זיין די איינגעשטעלטע וואס ארבעט אזוי געטריי פאר אונזערע קינדער.



# היכל הקודש
# נייעס




## קרית ברסלב

## מלמדים קאמפיין תשפ"ה

שטייענדיג מיטביידע פיס אין די שלושים יום קודם לחג הפסח, טרעפן זיך די מנהלי המוסדות און דער חשובער אדמיניסטראטאר אין אן אייגענארטיגע מצב, פון איין זייט בליען די מוסדות קיין עין הרע, עס קומען צו כסדר פרישע קינדער, מען עפנט פרישע קלאסן, מען נעמט אויף פרישע מלמדים און טיטשערס, אבער פון די אנדערע זייט איז דורך א שווערע ווינטער, מען פלאגט זיך ממש טאג טעגליך צו דעקן דעם בודזשעט, כאטש וואס מען פרובירט מיט אלע מיטלען צו צאלן אין צייט האט מען אנגעהויבן צו ווערן אינטערשטעליג מיט די מאגערע געהאלטן פון די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים און טיטשערס.

פאריאר, זאגט אונז דער מנהל הר"ר אברהם משה שטראסער שליט"א איז דער מלמדים קאמפיין ערב פסח געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, ווען די מלמדים קאמפיין האט געדעקט איבער צוויי הונדערט טויזנט דאלער, וואס האט באוויזן בסייעתא דשמיא גענצליך אראפ צו נעמען דעם עול פונעם ראש ישיבה, און האט געהאלפן גענצליך באצאלן אלע איינגעשטעלטע אין די מוסדות אויף יום טוב.

אבער די הצלחה פון פאריאר איז נישט ממש גענוג פאר היי יאר, נאך א דרינגענדע זיצונג פון די הנהלה, מיט די אדמיניסטראטאר פון די מוסדות צו מאכן א גרעסערע ציל פארן קאמפיין, נאכדעם וואס עס איז דורכגעגאנגען א גאר שווערע ווינטער אויף די מוסדות פון א פינאנציעלער שטאנדפונקט, האט מען געזען אז כדי צו קענען דורכמאכן דאס יאר און באצאלן אלע מלמדים און טיטשערס דארף מען אויפקומען מיט איבער פיר הונדערט טויזענט דאלער, כדי זיך צו קענען דעקן, און ווי אלע יארן האט זיך דער מנהל אריינגעלייגט אינעם קאמפיין, און רופט ארום אנשי שלומינו זיי צו מזכה זיין מיט די גרויסע זכיה פון צאלן אונזערע טייערע מלמדים און טיטשערס וואס זענען איבערגעגעבן א גאנץ יאר פאר די קינדער בלב ונפש, געבן זיך איבער מיט'ן גאנצן הארץ זיי צו אנגרייטן פארן לעבן, אריינלייגן אין זיי אמונה, יראת שמים, מידות טובות, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אינגעלייט און איבערגעגעבענע מאמעס.

דער מנהל הר"ר אברהם משה שליט"א זאגט אונז אז ער איז איבערראשט און איבערגענומען פון די ווארימקייט מיט וואס אנשי שלומינו נעמען אים אויף, אלע ווייסן אז עס קומט א קאמפיין און ערווארטן דעם יערליכן רוף, און רופן זיך אן מיט גרויס ווארימקייט..

אנשי שלומינו ווארטן אפילו נישט דער מנהל זאל זיי רופן, מען רופט אן דעם מנהל הר"ר אברהם משה שליט"א אויף 917-578-0495 און מען איז זיך משתתף מיט שיינע נדבות, און בזכות זה וועט דער אייבערשטער אונז אלע בענטשן מיט אלע ברכות האמורות בתורה, בני חיי ומזוני סייעתא דשמיא. אויב דער מנהל הייבט נישט אויף זאל מען ביטע לאזן א מעסעדזש.

גרשון קרעמער



# מלחמה אין מיטל מזרח פלאקערט ווידער אויף

די מלחמה אין מיטל מזרח איז ווידער אין די נייעס ווען מדינת ישראל האט געצילט פילע געגנטער אין צענטראל און דרום פון די עזה פאס מיט פליגערס און באמבעס וואס האבן גע'הרג'עט פילע כאמאס פירער, און אנגעבליך אויך אומגעברענגט נאך הונדערטער אנדערע. דערמיט איז געשלאסן געווארן די צייטווייליגע צוויי חדשים'דיגע פייער אפשטעל וואס האט באפרייט בערך דרייסיג אידישע משכונות וואס זענען געווען פארכאפט אין אויסטויש פאר בערך פופצן הונדערט פאלעסטינער ארעסטאנטן וואס זענען געווארן באפרייט פון די איזראעלישע תפיסות.

עס איז געהערט געווארן פרישע גאר שטארקע אויפרייסן אין עזה ווען פליגערס האבן אראפ געלאזט שווערע באמבעס אין פילע פאזיציעס פון כאמאס פירער, וואס האט צוריק אויפגעפלאקערט דעם קריג אינעם ראיאן, ברענגענדיג פארדאמונגען פון פילע ריכטונגען, און שטיצע פון אנדערע - אריינגערעכנט פרעזידענט טראמפ פון אמעריקע.

דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע אידישע קינדער - בפרט די וואס זענען נאך געבליבן פארכאפט אונטער די רוצחים - און זיי זאלן ווערן באפרייט וואס שנעלער. מיר זענען מתפלל פאר זייער שנעלע באפרייאונג, אבער אויך זענען מיר מתפלל אז ביי אונז אינדערהיים זאל נישט אויפלאקערן קיין מלחמה, ביי אונז אין שטוב זאל נישט פאלן קיין באמבעס וואס דאס איז אסאך ערגער פון א וועלט מלחמה.

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות דף ז' עמוד ב' "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי קָשָׁה תַּרְבּוּת רָעָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם יוֹתֵר מִמִּלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג" מוהרא"ש זי"ע פלעגט עס כסדר זאגן, וואס קען זיין ערגער פון א וועלט מלחמה, מלחמת גוג ומגוג, אויב מיר קריגן זיך אינדערהיים, ווען עס איז דא א מלחמה אין גאס עס פליען באמבעס, סאלדאטן שטארבן, איז נאך נישט געפערליך, איך קוק נישט קיין נייעס, איך הער נישט קיין נייעס, איך קום אהיים מיט א שמייכל, עס איז מיר גוט, איך האב אווארימע ווינקל, אבער אויב קוקט מען אויף די ווייב מיט א שלעכטע אויג, זי איז מיר נישט גוט, איז אפילו די גאנצע וועלט קומט זיך דורך איינע מיט'ן צווייטן, און אפילו ווען טראמפ וועט שוין מצליח זיין צו מאכן שלום צווישן רוסלאנד מיט אוקריינא, צווישן אמעריקע און צפון קאריע, צווישן מדינת ישראל מיט איראן - כיזבאלא און כאמאס, וועט אבער ביי מיר בלייבן פינסטער.

וואס איז די עצה - פלעגט מוהרא"ש אלץ זאגן - מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל האבן שכל, ווייל שלום בית קען מען נאר האבן אויב מען איז קלוג און נישט גערעכט, און וואס מיינט האבן שכל? אז מיט א ווייב טענה'ט מען נישט, א ווייב איז אלץ גערעכט, און מען איז מוותר אין שטוב.

עטליכע מערקווירדיגע פאקטן איבער די משכונות: דער עלטסטער משכון איז געווען א 79 יעריגער איד, און די אינגסטע איז די באקאנטע רויטע ביבאס בעיבי פון 9 חדשים אלט; טייל משכונות האבן אנטוויקלט די טרויעריג בארימטע "שטאקהאלם סינדראם" וואס מיינט זיי האבן באקומען א גוטע געפיל איבער זייערע פארכאפער; אסאך משכונות האבן געזאגט אז זיי האבן גענצליך פארלוירן חשבון פון צייט זיצנדיג גענצליך אפגעהאקט פון די וועלט אין טונעלן טיף אונטער די ערד.

מיר זענען מתפלל אז אלע פארכאפטע אונטער די נעגל פונעם סמ"ך מ"ם זאלן באפרייט ווערן וואס שנעלער בביאת משיח צדקינו, ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים אמן.

**מתמצרים גאלתנו!**




Men & boys shoes | We accept shoe vouchers

845.662.8423 יואל וועבערמאן

73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747

UPPER SHOES

EST 2023

*sruliHeskel

# וואשינגטאן

דער הויפטשטאט פון אמעריקע.

דער הויפטשטאט פון פארשוואונדעריי אויף א פארנעם וואס די וועלט האט נאכנישט געזען אדער געהערט.

עס איז א אינטערעסאנטע שטאט וואס אנדערש ווי פילע אנדערע שטעט וואס האבן זיך אנגעהויבן צוביסלעך בויען נאך א גאס אהין און נאך א גאס אויף די אנדערע וועג, איז זי געבויעט געווארן מיט א פונקטליכע פלאן פון פאראויס, אז ס'זאל זיין סטראטעגיש און מאיעסטעטיש ווי ס'פאסט זיך פאר'ן הויפשטאט פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע וואס איז א שטאלץ פאר די אמעריקאנע פאלק.

ווי אויך איז די שטאט וואשינגטאן א שטאט פון פולע אינטערעסאנטע פלעצער וואס מען קען גיין זען אז ס'איז נישטא וואס צו זען דארט.

אין דעם איז אריינגערעכנט די קעפיטאל וואס איז אפיציעל די געביידע וואס דארט דארפן געמאכט ווערן די געזעצן, וואס ווער ס'איז שוין אמאל דארט געוועזן - אריינגערעכנט דער שרייבער פון די שורות - קען מעיד זיין אז חוץ אפאר אפגעריסענע גוים וואס רעדן זיך איין אז זיי פירן די וועלט (אזוי ווי דער האומלעס ביי דיין קארנער) איז נישטא עפעס אינטערעסאנטס דארט.

מען קען אויך גיין באזוכן איינעם אלטן ווייסן הייזקע וואס דארט קען מען זען שיינע בלומען אזוי ווי ביי אונז אויפן טעראסע. עס זענען פאראן דארט אסאך אלטע צובראכענע בענקלעך, וואס די אלצווייסערס וועלן אנקוקן מיט עקסטאז: "אויף דעם בענקל איז געזעצן פרעזידענט מעקילעני!" יעצט גיי ווער געוואויר ווער מעקילני איז געווען...

ווי אויך איז פאראן אין וואשינגטאן דער מקום וואס דארט דרוקט מען געלט, און עס איז אפן פאר ווער עס וויל נאר, צו קענען אהינגיין קוקן ווי די גרויסע מאשינען שפייען ארויס גלאטע הונדערטערס, אבער אין ציפערן פון טויזנטער טויזנטער אויפאמאל. זארגט נישט, די געלט גייט גראד צו באצאלן די חובות פון די אמעריקאנע גאווערמענט.



גראד דערנעבן פונעם הויפשטאט, אריבער דעם פאטאמעק ריווער געפינט זיך דער 'פענטעגאן', דאס איז שוין יא עפעס וואס מען דארף זען... עס איז די גרעסטע בנין אין די וועלט, אינעווייניג זיצן צענדליגער טויזענטער ארבעטער און פירן אן די אמעריקאנע מיליטער מיט א אומפונקטליכקייט וואס איז נישט פאראן קיין צוגלייך.

ווי אויך זענען פאראן דארט די ריזיגע הויפקווארטירן פון די FBI ווי אויך פון די CIA און אלע אנדערע אפטיילונגען פון די רעגירונג.

אבער ס'איז פאראן עפעס וואס איז אזא היסטאריש אלטע דערפל, וואס רופט ביי מיר ארויס גרויס וואונדער.

אזוי ווי אין יעדע הויפשטאט, איז איינגעפירט אז מען באערט די גרינדערס און גרויסע פירערס פונעם לאנד מיט גרויסע געדענקמאלן און סטאטועס, מיט גרויסע שילדן וואס מאלן אפ מיט די שענסטע פארבן דאס גרויסקייט פון דעם ספעציפישן מענטש.

אבער אין וואשינגטאן האט די קליקע באשלאסן עס צו נעמען צו די קומענדיגע שטאפל, מען האט געבויט גאנצע הויכע און ברייטע געביידעס און פיל שטאקיגע סטאטועס צו באערן די איינגערעדטע העלדן פון אמעריקע. (זעה בילד) דאס אלעס

## א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**



געפינט זיך איינס נעבן צווייטן אין א פארק גערופן די "צענטראלע מאלל", וואס דער פארק איז צווישן דעם ווייסן הויז און דער קעפיטאל.

גיימיר אריבער צום ערשטן, דער "וואשינגטאן מאנומענט". א הויכע גערענקמאל פארן ערשטן פרעזידענט פון אמעריקע "דזשארדזש וואשינגטאן".

דאס איז א גרויסע הויכע שפיציגן בנין, מער ווי פופציג שטאק הויעך, עס האט גענומען קרוב צו פערציג יאר צו בויען צוליב וואס מען האט זיך געדארפט אפשטעלן אינמיטן ווייל עס איז נישט געווען קיין געלט צו גיין ווייטער... זי שטייט שטאלץ אקעגן איבער דעם ווייסן הויז, אזוי אז יעדעס מאל וואס דער פרעזידענט וויל קומען אדער גיין מיט זיין העליקאפטאר ברויך מען אכטונג געבן נישט אריינצוהאקן דערינען.

דערנעבן געפינען מיר די דזשעפערסאן מעמאריעל, דאס איז אויך אזא גרויסע געביידע וואס מען האט געבויעט אז ס'זאל זיין לזכרו פון דער דריטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז געבויעט געווארן דורכאויס כמעט צען יאר. אינעווייניג געפינט זיך אן אויפגעשטעלטע ריזן קלאץ וואס מען האט געלאזט מאכן אז ס'זאל אויסקוקן גענוי ווי דזשעפערסאן האט אויסגעקוקט בימיו... אז זייערע קינדער און אייניקלעך זאל מען צו וויסן טון וואס דא האט זיך אפגעטון... אויב די גוים ווייסן בכלל וואס אייניקלעך מיינט....



אביסל ווייטער אינעם זעלבן פארק געפינט זיך די ריכטיגע סחורה... א גאנצע געביידע וואס האט גענומען 8 יאר צו בויען און געקאסט שווערע מיליאנען, עס איז אהערגעשטעלט געווארן לכבודו פון עיברעהעם לינקאלן, עס איז א בנין מיט א דאך וואס רינגס ארום זענען פארהאן גרויסע זוילן נאכגעמאכט די אלטע רוימישע סטייל געבויאכץ. אינעווייניג איז פארהאן א סטאטוע פון לינקאלן, הויעך צוויי שטאק, נאכגעמאכט ווי ער זיצט זיך אויף זיין כסא מלוכה און ווארט אז זיינע אונטערטאנען זאלן קומען כאפן בילדער...

אזוי זענען פארהאן נאך פילע אזוינע געדענקמאלן, איינס פאר אלבערט איינשטיין און נאך איינס פאר דער

געוועזענער פרעזידענט רוזעוועלט און איינס פאר די סאלדאטן וואס זענען אומגעקומען אין די מלחמה מיט צפון קארעא, און אזוי ווייטער.

איי וועט דאך יעדער רעכטדענקענדיגער מענטש פרעגן, די אמעריקאנע גאווערמענט האט חובות איבערן קאפ, און אלע אפטיילונגען פון די רעגירונג שרייען אז זיי האבן נישט גענוג ארבעטער. (איר גלייבט נישט? פרובירט צו איבערמאכן אייער דרייווערס לייסענס...) איז וואס איז די פארשווענדעראציע פון געלט און די ארבעט וואס מען האט געדארפט אוועק געבן צו בויען די ריזיגע געביידעס? און פארוואס גיבט מען אויס אזויפיל געלט יעדעס יאר זיי צו אויפהאלטן, ווען חוץ פון עס אנקוקן קען מען גארנישט טון דארט, עס ברענגט נישט קיין שום נוצן?

דער אומאפעציעלער ענטפער וואס די אמעיקאנער רעגירונג גיבט איז ווי פאלגענד:

ווי יעדער ווייסט איז היינטיגע צייטן א שווערע דור... די יונגווארג פאלט אוועק אין די מאסן, אזוי ווי יעדער קען זען אז היינטיגע גוי'שע יונגען ווען זיי גייען ארויס פראטעסטירן האבן זיי נישט קיין פראבלעם צו פארברענען די אמעריקאנע פאן, א זאך וואס קיינער אין אמעריקע וואלט זיך נישט געוואגט צו טון מיט עטליכע צענדליגער יארן צוריק, די יונגווארג האלט נישט אזוי פון די לאנד וואס זיי זענען געבוירן און אויפגעוואקסן.

ווי אויך זעט מען אז וויניגער אמעריקאנע גוים ווילן זיך אנשליסן אין די אמעריקאנע ארמיי פשוט ווייל זיי האלטן נישט דערביי, זיי זענען נישט גענוג שטאלץ מיט זייער היימלאנד זיך צו שלאגן דערפאר.

דערפאר דארף די אמעריקאנע רעגירונג שווענדן ביליאנען, אז ווען די יונגע קינדער און טינעידזשערס וועלן קומען באזוכן דעם הויפשטאט זאלן זיי זען דעם פופציג שטאק הויער געדענק מאל פאר וואשינגטאן און די ריזיגע מעכטיגע אנדערע סטאטועץ, זאלן די קינדער פרעגן פארוואס האט מען געבויט די ריזיגע געביידעס, און מען וועט זיי ענטפערן אז דא זענען געווען גרויסע העלדן וואס האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ובנפש צו אויפשטעלן דעם מדינה...

אזוי איז דא א שטיקל מהלך צו האלטן די יוגנט אין שפאן אז זיי זאלן שטאלץ צו זיין אן אמעריקאנער און ווייטער וועלן פירן אמעריקע ווען זיי וועלן זיין עלטער, און נישט אנקוקן ווי דאס אז זיי זענען אמעריקאנע איז ווי אן איבריגע זאך וואס מען דארף נישט.

פארשטייט זיך אז מיר האבן גארנישט מיט די אלע זאכן, מיר זענען אידן נישט קיין אמעריקאנער אזוי ווי דער ראש ישיבה חזר'ט דאס מיט אונז כסדר.

און כ'האב עס צוזאמגעשטעלט ביי א לעצטיגע משפחה שמחה אין קרית יואל ווען איינער האט מיך געפרעגט די דאזיגע שאלה:

”אויב עטס בויעטס שוין יא א גרויסע בית המדרש דאן פארוואס מאכט מען עס ביים עק שטעטל, און נאך פון הונטער איינעמס הויז?”

”ווי אזוי קען זיין אז דער ראש ישיבה מאכט א ברית פאר אן אייניקל און אויף די בילדער זעט מען קוים מנין?””

דער ענטפער האב איך געגעבן טאקע דארט אויפן פלאץ, אינעם הייליגן שטעטל קרית יואל וואס דער הייליגער סאטמארער רבי זצוק"ל האט אויפגעשטעלט בדמים שבלבו, וואו איז דער דריי שטאקיגער געדענקמאל לעילו נשמתו?

נאר מען דארף נישט קיין שום געדענקמאל, דער הייליגער רבי זכרונה לברכה איז ביי יעדן איינגעקריצט אין הארץ, דאס אז מיר גייען מיט בארד און פאות דאס ווייזט אז מען דארף נישט קיינעם דערמאנען אז ס'איז אמאל געווען עפעס וואס מען דארף זיכער מאכן אז די קינדער ווייסן דערפון.

דאס איז די זעלבע סיבה פארוואס ווען מען בויעט א שול, איז עס נישט מיטן ציל צו ווייזן סיי וואס פאר קיינעם, מיר דארפן נישט אויפשטעלן געביידעס אז אונזערע קינדער זאלן פרעגן פארוואס מען בויעט אזא גרויסע שול, אדער פארוואס מען מאכט זיך נאריש מיט בעקיטשעס און אזוי ווייטער, אז זיי זאלן וועלן הערן פון רבי'ן, דאס איז א זאך וואס מיר טוען יעדן טאג.

און מיר דארפן נישט האבן א ריזיגע שמחה ביים ראש ישיבה מיט פילשטאקיגע פארענטשעס אז די גאלדענע קייט זאל זיך ווייטער ציען... די אלע גרויסע באמבאסטישע זאכן וואס מען טוט ביי די גוים ווי מען דארף בויען אז די קינדער זאלן זיין אינטערעסירט, דארפן מיר ברוך השם נישט.

אז דו געבסט אריין אין די קינדער די ריינע קלארע אמונה, און די ריכטיגע אמונת צדיקים, דארפסטו שוין נישט מאכן קיין שום געדענקמאל, עס ליגט אים איינגעקריצט אין הארץ.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## קוואל וואסער

### שאלה

**איך זע אסאך מאל א קוואל וואס קוועלט שטענדיג פרישע וואסער, איך וואונדער מיר שטענדיג, פון וואו קומט די קוואל וואסער? און צו קען זיך דאס אויסנוצן?**

### ענטפער

ווען עס רעגנט אדער שנייט, גייט די וואסער צוביסלעך אריין אין דער ערד, צווישן די זאמד און שטיינער קען זיך דורכשטופן פיצעלע טראפנס וואסער, וואס צוביסלעך א טראפ נאך א טראפ רינען זיי אראפ טיף אונטער די ערד, טייל מאל עטליכע פוס, אבער געווענליך וועט עס זיין אביסל טיפער, וועלן זיך צוזאם נעמען אסאך טראפנס וואסער אין אדערן אדער הוילקייטן אונטער די ערד ווי דאס וואסער וועט דארט שיין ווארטן אז מען זאל זיי ארויסשעפן פון דארט.

דער הייליגער תנא רבי עקיבא איז שוין געווען פערציג יאר, און ער האט נאך נישט געקענט קיין תורה, ער האט געזען א שטראם וואסער וואס טראפט אויף א שטיין לאנגע יארן, און צום סוף נאך אזויפיל טראפנס וואסער איז דער שטיין געלעכערט געווארן. דאס האט אים געמאכט טראכטן, אז אפילו איך בין שוין פערציג, מיין הארץ איז נאך נישט קיין שטיין, און די תורה האט אזא כח, זיכער אסאך מער פון וואסער, וועט די תורה זיכער קענען לעכערן און אריינגיין אין מיין הארץ. די איבעריגע איז היסטאריע - זאגט די וועלט.

דאס קען אונז אויך שטארק מחזק זיין, חז"ל און אלע צדיקים האבן אונז אלץ מעודד געווען איבער די גרויסע כח התורה, ווי שטארק עס איז, עס היילט אויס א מענטש, עס מאכט פריילעך א מענטש, ווען מען לערנט משניות טויטש עס די נשמה, מען ווערט פריש געבוירן, אבער דער יצר הרע טוט דאס זייניגע, ער זשומעט אין קאפ און לאזט נישט קיין מנוחה, "קוק וויאזוי דו זעסט אויס, נאך אזויפיל לערנען וואלסטו שוין געדארפט זיין א קדוש וטהור, און נאך אלץ ביסטו וואו דו ביסט", אבער ניין, גיי נישט אוועק פון די קוואל וואסער, גיי נישט אוועק פון די שטראם וואסער וואס טראפט אויף דיין הארץ, יעדע ווארט תורה מאכט אויס, אנטלויף נישט פאר שולחן עורך, עס גייט איין טאג געשען, דו וועסט זען וואס די תורה וועט מאכן פון דיר, איין טאג וועט זיך דיין הארץ עפענען, און אריינגיין אין דיין נשמה, און וועסט זוכה זיין צו זיין אן אמת'ער ערליכער איד.

ווען מען זוכט צו האבן טרונק וואסער וועט די קוואל גראבונג פירמע אראפ גראבן א טיפע לאך ביז זיי באגעגענען די הוילקייטן אונטער די ערד, און אט - א שפרודלדיגע קוואל איז געשאפן געווארן, פון וואס דער אייבערשטער געבט פון זיינע גוטע השפעות פאר די גאנצע בריאה, די מענטש, להבדיל די בהמות און געוויקסן.

די קוועלער זענען באגרעניצט וויפיל וואסער זיי פארמאגן, עס איז נישט אנלימיטעד, עס ווענדט זיך ווי גרויס דער וואסער רעזערוואר אונטער דער ערד איז, ווי סאך וואסער מען שעפט ארויס דערפון טעגליך, ווי סאך עס רעגנט און שנייט אין די געגנט, און וויפיל קוועלער שעפן ארויס פונעם זעלבן רעזערוואר.

עס מאכט זיך אפט אז מען טרעפט א קוואל וואס איז באמת נישט מער ווי נאך א לאך צום זעלבן קוואל. אזוי אויך מאכט שטארק אויס ווי באוואוינט א פלאץ איז. אין א פארבויעטע פלאץ איז די ערד אסאך מער אויסגעפלאסטערט און פארדעקט, און זייער ווייניג וואסער ווערט אריינגעזאפט אין דער ערד.

דאס איז די סיבה פארוואס אין א שטאט איז דא אפלויף סיסטעמס. די וואסער וואס וואלט נאטורליך אריינגעגאנגען אין דער ערד, האט יעצט נישט וואו צו גיין, דערפאר ווערן זיי אריינגעלאזט אין לעכער און אין פייפס וואס פירן זיי אוועק, כדי די רעגן זאל נישט פארפלייצן די שטאט.

**אין מים אלא תורה!**

# מעשיות פון תפילה



## עזרא בוים

קרית ברסלב

איך האב דעליווערט אייסקרים ביי א גראסערי וואס דער ארבעטער רעדט נעבעך זייער שמוציג לא עלינו, איך האב דאס נישט געקענט נעמען.

האב איך געטון אפאר זאכן, איינס געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר דא ראטעווען, אדער זאל איך נישט דארפן ארבעטן אין אזא סארט ארבעט, אדער זאל יענער טוישן ארבעט.

אזוי אויך האב איך אנגעהויבן אים זאגן ער זאל נישט רעדן אזוי צו מיר, און איך האב צוגעלייגט אז אזא געלונגענע מענטש ווי ער, דארף ווען ארבעטן אין א בעסערע ביזנעס און מאכן מער געלט, נישט ארבעטן דא אין א גראסערי.

און יא נאך צוויי וואכן זאגט ער מיר שטילערהייט אז ער האט אנגענומען מיין עדוויים און ער גייט ארויס פון גראסערי.

## שלום אלי אינדיג

מאנטריאל

מוצאי שבת פורים בין איך געפארן צו א טיש, מיטן פלאן צו טרינקען לכבוד פורים, אבער איך האב געדארפט האבן א וועג אהיים פאר מיין משפחה. איך האב פרובירט צו זוכן א וועג מיט דעם און מיט יענעם, אבער איך האב נישט געטראפן.

געוויסע האבן מיר געזאגט: לאז, טרינק, וועסט שוין טרעפן א וועג." אבער ברוך השם איך האב א צדיק וואס זאגט מיר איך זאל נישט זיין קיין הפקר מענטש.

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, און שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א אינגערמאן וואס איז געקומען מיט א צווייטן וואס האט מיר מסכים געווען צוריק צו דרייוון.

שכח אייבערשטער איך האב געקענט טון די מצוה פון טרינקען, און אינדשויען די טרינקען, טאנצן, מאכן קאדאטשקעס, און זיך איבערדרייען.

שכח אייבערשטער.






# חַזַק! חַזַק! וְנִתְחַזֵּק!

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער דִי שִׂמְחָה פוּן עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ בַּאנְד פוּן חוּמָשׁ, דוּרְכְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל פוּן דִי סֶדְרָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס פִּילְט אוּנְז אָן מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס; עֶר מַאכְט אוּנְז רַייךְ מִיט תּוֹרָה תְּפִילָה, מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע ווִינְטֶער, קוּק וואוּ מֶען הַאלְט. דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי שְׁרֵייט מֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, שְׁנַיִם מִקְרָא מִיטְן תַּרְגוּם - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַאן עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן מִיט רֶעכְט: "חֲזַק חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!" וַוייל יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, עֶס בְּלַייבְּט גוּטְס פוּן יֶעדְן טָאג. נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר מַעֲשִׂיוֹת ווִי יוּנְגֶעלַייט וֶוערְן אַרַיין גֶעדְרֵייט אִין גְנֵיבוֹת, דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס זֵיי שְׁפָּארְן אָפּ וֶוערְט פַארְלוֹירְן דוּרְךְ בַּאנְדִיטְן אָוֶן שְׁווִינְדְלֶערְס, זֶעט מֶען אַז נִישְׁט גֶעלְט אִיז וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וְהַכְּלָל שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְּהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת", עֶס קֶען נִישְׁט זַיין עֶס זָאל בְּלַייבְּן גֶעלְט בַּיים מֶענְטְשׁ, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גֶעלְט, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט. "וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנִּזְכָּר לְעֵיל", עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין גֶעלְט זָאלְן בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְאֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לָאו", דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן צִי עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אָדֶער עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן גֶעלְט, "כִּי בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה", וַוייל סֵיי דֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּן סֵיי דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלְט בֵּיידֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער דֶעם זֶעלְבְּן לֶעבְּן וְכוּ'; דֶער עִיקָר זָאל מֶען אַרוֹיס כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה - הָאט מֶען הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# געדאנקען

## אונזער נס אויפן ווארטסבארא

אגרויסע נס האמיר געהאט זונטאג עלעווע ביינאכט, מוצאי פורים המשולש דמוקפין, אויפ'ן 17 לעבן די ווארטסבארא בארג.

נישט פונקט דעמאלטס ממש האט די נס פאסירט, אבער דעמאלטס האמיר געהאט די REVELATION אז דער גרויסער נס האט פאסירט.

די ווארט רעוועלעישן איז לעולם גאנץ א א פשוט'ע ווארט, נאר דער עולם נוצט ווען מ'וויל אריינווארפן סתם SOPHISTICATED לשונות להגדיל ה'טראסק ולהאדירה.

רעוועלעישן מיינט סתם ווען מ'געבט עפעס א כאפ, ווען מ'דערהערט א חפצא פון א גברא, אדער ווען א גברא כאפט א חפצא פון א חלות וואס ער האט ניט דערהערט פון דער פריערט אטא דא.

דאס האט פאסירט זונטאג אום עלעווע אויפ'ן בארג, האמיר געכאפט די גרויסע נס וואס דער אויבערשטער האט געמאכט מיט אונז.

אבער קודם שכח אייבערשטער אז מ'האמיר זוכה געווען צום ריכטיגן מפלת המן, צום ריכטיגן מחיית עמלק, מ'האמיר זוכה געווען צום ריכטיגן עד דלא ידע.

מיר האבן זוכה געווען צו מפלת המן, ווייל המן זאגט וכל זה איננו שוה לי, אבער דער צדיק זאגט יעדע קליינע זאך איז טייער, פונקט פארקערט.

מיר האבן זוכה געווען צו מחיית עמלק, ווייל עמלק זאגט היש השם בקרבינו, איז דער אייבערשטער דא? דא? נעבן מיר? איך בין דאך אזא נידעריגער מענטש! אבער די תורה זאגט גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד, ווען א מענטש זאגט באשעפער איך וויל צוריק קומען צו דיר, איז ער שוין יעצט ביים כסא הכבוד!

מיר האבן זוכה געווען צום ריכטיגן עד דלא ידע, בין ארור המן, סיי ווען איך פיל איך בין שלעכט ווי המן, סיי ווען איך פיל אז ברוך מרדכי, דער צדיק בענטשט מיך, דער צדיק מאכט מיך פרייליך, דער צדיק זאגט איך קען נאך זיין א מוצלח, דער צדיק מאכט איך זאל פילן אז איך בין א געבענטשטער, א זאטער, א צופרידענער, א "קיינער-קומט-מיר-גארנישט", בייביידע מצבים מוז איך רעדן צום אייבערשטן, סיי ווען איך פיר זיך ווי עס דארף צו זיין, סיי ווען איך פיר זיך נישט גוט השם ישמרינו, ביי ביידע אייניג מוז מען אנקומען צו תפלה.

פָאר מיר זיך אזוי אויפ'ן 17 שטראז, הויך אויפ'ן שפיץ ווארטסבארא, ווען פלוצלונג, דאס אומגלויבליכע, דאס אומפאראהאפטע, דאס אומפאראויסגעזאגטע, דאס אום-פון-פריער-געמאלדענע! מיין זון ר' יוסף, דער מגיד שיעור פון ישיבה היכל הקודש אין קרית ברסלב אין ליבערטי, איז פארנט פון מיר!

WOW! סורפרייז! יעי! זיידי! בייביי! בייביי זיידי!

א מינוט! יעצט קומט די נעקסטע סורפרייז! ר' בערל דער עברי מלמד! דא מיט אונז אויפ'ן ווארטסבארא!

דאס האב איך שוין נישט געקענט אויס'מַשל'ען!

דריי קאר'ן פון איין משפחה טרעפן זיך אויפ'ן ווארטסבארא? לאו בכל יומי מתרחיש כגון דא!

אבער דאס איז די קליינע פאסירונג!

די גרויסע פאסירונג איז אז אלע דריי קומען פון א שושן פורים סעודה ביי אן ערליכן איד. אבער דאס אליין איז נאך נישט די גרעסטע רבותא, ס'איז דא ערליכע אידן איבעראל, ס'איז דא אידן עובדי השם וואס פלאקערן פאר'ן אייבערשטן וואו אימער איר ווילט נאר, די רבותא איז אז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס מיר זאלן אנקומען צו א ערליכער איד וואס לערנט אונז זאכן וואס יעדער קען טון. פראקטישע עצות אין טאג טעגליכן לעבן. עצות וואס די רווחים קומען שוין יעצט דא למטה מעשרה טפחים.

ערליכע אידן איז דא א דיים א דאזן, אבער א ערליכער איד וואס זאל שטיין און דערמאנען טאג טעגליך רעד שיין צו דיין ווייב און קינדער? שוין איינמאל א רבותא! שוין איינמאל א חידוש! שוין איינמאל א נס!

צו טרעפן א ערליכער איד וואס זאל מאנען און תובע זיין אז

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

מ׳דארף לערנען 365 טעג א יאר, אויך שבת יום טוב בורטדעי עניווערסערי סטעיקהאוז קאליפארניע דוביי קברי צדיקים אין בעידזשינג וכולי וכולי, דאס איז שוין א דערגרייכונג.

צו טרעפן א ערליכער איד וואס זאל זאגן נאכאמאל און נאכאמאל דו קענסט פון יעצט זיין גוט, דו קענסט נאך זיין א צדיק, דאס איז עפעס סאמטינג ספעשל!

עס איז דאך באקאנט דאס ווערטל ווי דער מגיד שיעור האט זיך אפגערעדט אויף א בחור אז יעדעס מאל וואס מ׳געבט אים א מוסר פארציע, זאגט ער אקעי! איך הייב אן פון יעצט! איינמאל האט דער מגיד שיעור אפגעמאכט אז ער גייט מסביר זיין פאר׳ן בחור, אז מ׳קען נישט זאגן א גאנץ לעבן איך הייב אן פון יעצט, מ׳מוז איינמאל פאר אלעמאל זיך נעמען אין די הענט אריין, האט דער בחור געזאגט, אקעי, פון יעצט גיי איך שוין נישט זאגן פון יעצט.

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה (כ׳מיין פרייטאג צו נאכטס) און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט וואס דער רבי האט געזאגט מתחלה היה כל ההתחלות מפסח, ועכשיו, וכו׳ ולא סיים, האט דער ראש ישיבה געזאגט "ועכשיו ולא סיים" מ׳זאל קיינמאל נישט אויפהערן צו זאגן מעכשיו, פון יעצט, פון יעצט גיי איך זיין גוט.

כ׳האב געטראכט אז מ׳קען צוליגן וואס מ׳זאגט פסח אין די הגדה, ועכשיו קרבנו מקום לעבודתו, ועכשיו קרבנו, דאס זאגן "מעכשיו" דאס איז אונז מקרב צום אייבערשטן.

פרייטאג פורים ביי די סעודה, האט דער ראש ישיבה געפרעגט אויפ׳ן פסוק, ויצא המן ביום ההוא שמח, ווי קען זיין א רשע פרייליך? האט דער ראש ישיבה געענטפערט, וכראות המן את מרדכי, אז מ׳זעט א צדיק ווערט פרייליך.

שבת צופרי, ביי סיפורי מעשיות, האט דער ראש ישיבה געשיקט איינעם זאל מיך מכבד זיין זיך זעצן ביים טיש, האב איך געהאט א קלער צו גיין ביי די דריטע טיש, האט דער ראש ישיבה געשיקט נאך א שליח זאל מיר ווייזן זיך צו זעצן ממש גלייך קעגן איבער דעם ראש ישיבה, אויפ׳ן ערשטן טיש, דארט בין איך אויך געזעצן ביי שלוש סעודות. כ׳האב געהערט עטליכע קליינע שיחות, מ׳האט גערעדט פון ניגונים

דער ראש ישיבה האט געזאגט איך האב געטראפן א איד צוואנציג יאר צוריק, ער האט מיר דערציילט זאכן וואס ער איז אדורך שוועריגקייטן, און יעצט דערציילט ער פון די זעלבע זאכן פון דעמאלטס, ס׳האט משמע געווען ווי דער ראש ישיבה מיינט צו זאגן אז ווען מ׳טוט די רבי׳ס עצות פון זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן, גייט צוביסלעך אוועק אלע צער וואס דער מענטש איז אדורך מיום הולדו, ביז זיין לעצטן אטעם, די גאנצע זאך פון צער נעמט מען אביסל גרינגער אז מ׳זאגט משניות.

אזוי ווי איינער איז ביים דענטיסט און מ׳דרילט די ציין, אויב מ׳געבט אים די איינשלעפ מעדיצין קען דער דענטיסט דרילן ביז׳ן בוידעם, דער מענטש פילט נישט די צער.

די זעלבע זאך, א מענטש וואס זאגט משניות האט אויך צער, אבער ער פילט נישט ווי די צער דרילט אים, ער האט גענומען די משניות איינשלעף מעדעצין.

שכח אייבערשטער פאר די גרויסע נס אז מיר האבן געקענט לייגן די קינדער אין די ברסלב׳ע "אייבערשטער" חדר וואו מ׳רעדט א גאנצן טאג פון אייבערשטער אייבערשטער אייבערשטער.

ווען מיר האבן אריינגעלייגט ר׳ יוסף און ר׳ בערל און די אנדערע קינדער אין ברסלב, האבן די גוטמיינענדיגע פאראויסגעזאגט אז ברסלב האט זירא טשאנס צו סוקסיד׳ן, אז די ברסלב׳ע חדר וועט זיין די דיזעסטער אוו דהי סענטשורי, דער דורכפאל פון די יארהונדערט, אבער ברוך השם אז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס מיר זאלן געבן פאר די קינדער פון וויגעלע דאס וואס מיר האבן באקומען ביי די צוואנציג, ברוך השם מיר האבן אפגעמאכט אז וואס איך פארגין פאר מיר פארגין איך פאר די קינדער. וואס איז גוט פאר׳ן ציפעדיגע פאסיק טאטעלע, וועט זיין גוט פאר די אומשולדיגע שעפעלעך, איי די שכן׳טעס מומע׳ס קעצל זאגט איי טהינק דהיס איז קרעיזי? זי וועט זיך מוזן צוגעוואוינען!

שכח אייבערשטער אויף די נס וואס דו האסט מיך דערמאנט אויפ׳ן ווארטסבארא אז א טאטע מיט קינדער פארן צו א ערליכער איד וואס וועט זאגן נאך איינמאל אז מ׳דארף רעדן שיין צו די ווייב און קינדער און מ׳מוז זאגן גמרא יעדן איינציגן טאג.





# א מעשה
# פון א צדיק

## גֶע'גַנבֶ'עט דֶעם פֶערְד פוּן בַּעַל שֵׁם

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן גֶעלֶעבְּט מִיט גְרוֹיס אָרִימְקֵייט.

זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דִי עֶנגְשַׁאפְּט אִין שְׁטוּבּ, הָאט זִי אִים שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן פַאר פַּרְנָסָה, אָבֶער וָואס עֶר הָאט נָאר פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט אָדֶער מִסְחָר הָאט עֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אֵיין טָאג הָאט זִי שׁוֹין גֶעפְּלַאצְט פוּן זַיין שְׁלִי'מַזָלְ'קֵייט אוּן פוּן לֶעבְּן אַזַא מְצוּמְצָם'דִיגֶע לֶעבְּן, גָארְנִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן אָדֶער טְרִינְקְן, הָאט זִי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מוּטְשֶׁענֶען עֶר זָאל גֵיין צוּם שְׁטַאל פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס דָארְט גֶעפוּנֶען זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פֶערְד אוּן עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען אֵיין פַאר זִיךְ.

אָבֶער עֶר הָאט פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן, וָואס הֵייסְט עֶס אִיז גְנֵיבָה גְּזֵלָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט!



אָבֶער זִי הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט נָאר זִיךְ גֶענוּמֶען מוּטְשֶׁען אִיר מַאן עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען אַ פֶערְד פוּן דִי שְׁטַאל פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. בִּיז זִי הָאט אִים אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּגֶערֶעדְט אוּן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ גֵיין גַנָבְ'נֶען אַ פֶערְד.

עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז בַּיינַאכְט וֶוען כְּלוֹמֶרְ'ישׁ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, גֵייט עֶר דָאס מְסַדֵר זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן אַ פֶערְד אוּן קֶענֶען מַאכְן עֶפֶּעס פַּרְנָסָה דוּרְךְ דֶעם פֶערְד.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶען מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, הָאט עֶר אָנְגֶעזָאגְט פַאר דֶעם עָרֵל וָואס הִיט דֶעם שְׁטַאל פוּן גַּנָּבִים, אַז הַיינְט נַאכְט זָאל עֶר לָאזְן דִי שְׁטַאל הֶפְקֵר אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט נֶעמֶען אַ פֶערְד זָאל עֶר זִיךְ מַאכְן וִוי עֶר זֶעט נִישְׁט.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, בַּיינַאכְט קוּמְט דֶער תַּלְמִיד נֶעמֶען אַ פֶערְד, עֶר בְּרֶענְגְט עֶס אַהֵיים, בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט דִי גְלִיק בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען מַאכְן גֶעלְט.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי אָרֶעם, זֵיי הָאבְּן קוֹים גֶעהַאט עֶסְן פַאר זִיךְ אָבֶער זִיכֶער נִישְׁט גֶענוּג צוּ שְׁפַּייזְן דֶעם פֶערְד, דִי פֶערְד אִיז צוּבִּיסְלִיךְ גֶעוָוארְן הוּנְגֶערִיג, אוּן אַזוֹי אִיז אַדוּרְךְ דְרֵיי טֶעג אוּן דִי פֶערְד אִיז גֶעוָוארְן מוֹרָא'דִיג שְׁוַואךְ, אִיז פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַזַא פֶערְד קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן גֶעלְט.

דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ פַארְלוֹירֶענֶער, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט עֶר גֵייט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי נָאר עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאךְ פַאר דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן אַ פֶערְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן הוּנְגֶער! עֶס וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַ טוֹיטְן פֶערְד!" דֶער חָסִיד הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַלֶעס גֶעזֶען מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיין אִיסוּר גְנֵיבָה וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן מְחִילָה. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וֵוייסְט אַלֶעס, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן צוּרִיק גֶעגֶעבְן דִי פֶערְד.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן הָאט זִיךְ זַיין זוּן אָנְגֶערוּפְן "דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵיי אִיךְ, נָאר אֵיין זַאךְ נִישְׁט, פַארְוָואס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעדַארְפְט ווארְטְן בִּיזְן דְרִיטְן טָאג, פַארְוָואס הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען גַנָבְ'נֶען?" הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס ווִילְסְטוּ אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין? ווייל אִין יֶעדֶער פְּרַט אוּן פְּרַט פוּן דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט טִיפֶע סוֹדוֹת."

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט מֶען זֶעט פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז פַּרְנָסָה לִיגְט אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין נֶעמֶען, קוּק אוֹיף דֶעם אִיד עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיינְס גֶענוּמֶען, וָואס וָואלְט עֶר גֶעהַאט צוּם סוֹף? אַ טוֹיטֶע פַארְשְׁטִינְקֶענֶע נְבֵילָה אִין זַיין הוֹיז, אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם, נָאר עֶר וָואלְט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, אַלֶע וָואלְטְן גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט דָאס גֶע'גַנבֶ'ט, אוֹיבּ מֶען דַארְף פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט טוּן קַיין גְנֵיבָה שְׁטִיקְלֶעךְ, פַּרְנָסָה לִיגְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט.

**(שיחות מוהרא"ש חלק ז' ערך פרנסה)**



# דעם הייליגן רבי'נס לעבנסגעשיכטע

## קי"ב

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי וֵויילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַ קִינְד, רֶבִּי נָתָן פָארְט אַהִין אוֹיף פּוּרִים.**

בַּיים רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַסַאךְ פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דָארְט דִי בַּייטָאג סְעוּדָה פוּן פּוּרִים, אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען נֶעכְטְן נַאכְט אִין דָארְף בַּיים לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אָבֶּער דַיין נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר!"

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן מְ'הָאט אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט אוּן גֶעוואוּסְט וָואס עֶס וָוארְט אִים אָפּ וֶוען עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אַהֵיים אוּן מְ'וֶועט גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב, נָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֵיינְט זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן אִים גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אִיז פּוּרִים, יֶעצְט הַאלְט מֶען מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק, וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים! זָארְג נִישְׁט, נָאר בְּלַייבּ פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אַהֵיים!", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי תּוֹרָה "קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ" וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז בּוּשָׁה אִיז דֶער עִיקָר הַתְּשׁוּבָה. אָבֶּער מְ'דַארְף אוֹיךְ זַיין בָּקִי בְּשׁוּב. הָאסְט יֶעצְט מְקַיֵים גֶעוֶוען דֶעם בָּקִי בְּרָצֹא, הָאסְט צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיימְגֵיין וֶועסְטוּ מְקַיֵים זַיין דֶעם בָּקִי בְּשׁוּב. אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן!"

רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דִי תּוֹרָה, אוּן אַז עֶר אִיז דֶער תַּלְמִיד וָואס וֶוערְט דָארְט דֶערְמַאנְט, אַ בְּחִינָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, אוּן עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן בִּיז בַּיינַאכְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא.

מִיטְוָואךְ, שׁוּשַׁן פּוּרִים, נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ וִויל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּרְכְ'ן קְלַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג יוֹצֵא גֶעוֶוען דָאס צוּ טוּן נֶעכְטְן אוּם פּוּרִים", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז גָארְנִישְׁט בַּיי דִיר?! שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים!".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אַ בְּחִינָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ דִיר דֶערְמַאנְט דִי תּוֹרָה "קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ", יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ נֵייעֶ זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט דִי תּוֹרָה, דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ:) "שָׁלֹשׁ מִצְוֹת נִצְטַוּוּ יִשְׂרָאֵל בִּכְנִיסָתָן לָאָרֶץ", דְרֵיי מִצְוֹות זֶענֶען דִי אִידְן בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אָבֶּער אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶענְטְשְׁן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "מִיר וֶועלְן שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער רֶעדְן פוּן דֶעם".

דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, מְ'הָאט גֶעטַאנְצְן דָארְט דִי גַאנְצֶע טָאג בִּיז מִנְחָה. דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "פוּן יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין וִויסְן אַז שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים", אוּן מְ'הָאט דָארְט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה.


וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# YOM TOV SCHEDULE

## PESACH 2025

כדי אייך צו קענען צופרידנשטעלן ווי עס דארף צו זיין,
ביטע ליינט דורך דעם סקעדזשועל מיט ישוב הדעת.

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 30 | 31 | 1 | 2 | 3<br>דעדליין צו באשטעלן קארפ פאר פסח | 4 | 5<br>ויקרא |
| 6 | 7<br>סטאר שעות: 10:00 - 8:00<br>דעדליין צו באשטעלן פיש פאר פסח | 8<br>סטאר שעות: 10:00 - 10:00 | 9<br>סטאר שעות: 10:00 - 10:00<br>ארדערס ווערן דעליווערד | 10<br>סטאר שעות: 10:00 - 5:00<br>בדיקת חמץ | 11<br>Closed<br>שריפת חמץ | 12<br>ערב פסח |
| 13<br>פסח | 14<br>פסח | 15<br>Closed<br>חול המועד | 16<br>Closed<br>חול המועד | 17<br>סטאר שעות: 11:00 - 2:00<br>Fish only in store while supply last<br>חול המועד | 18<br>סטאר שעות: 11:00 - 2:00<br>Fish only in store while supply last<br>חול המועד | 19<br>שביעי של פסח |

חול המועד וועלן מיר זיין פארמאכט, מאכט זיכער צו
באשטעלן אייער גאנצע פיש ארדער בעפאר יום טוב.

*א כשר'ן פרייליכן יום טוב*

DELICIOUS FISH
Liberty NY

845-747-0093 // 261 N Main Street

Year-round delivery in the catskills

dominogrp.com

# על פי
# הגורל

שידוכים

שלום בית

הצלחה




רפואות

יעדן חודש וועט בעזהשי״ת
פאראקומען א גורל פאר אלע וואס
געבן יעדע חודש $36 אויף B-PAY
פאר קופת רבי מאיר בעל הנס

ישועות

רבי מאיר'ס ציפער

2025 למספרם

$10,640.12

די סגולה האבן מיר שוין פון יארן

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

אלקא דמאיר ענני

חודש אדר

$1000

בחי: D&S APPLIANCES



*sruliHeskel

# קוק אהער

## א בחור מיט סניקערס

מי כעמך ישראל! דער באוואוסטער סלאגאן מיט וואס כלל ישראל גרויסט זיך, ווער איז דען דא ווי אידישע קינדער?

אלע סארט אידן זענען דא, אבער מיר זענען איינס, מיר זענען דער עם השם, דרם עם הנבחר, די שענסטע וואס איז נאר דא - איז דער איד.

דער איד וויל נאר אז דער איד זאל זיין בעסער, אז דער איד זאל זיין שענער, אז דער איד זאל זיך שוין אומקערן צום אייבערשטן, דאס איז תכלית!

לעצטנס האב איך געכאפט א שמועס מיט א איד, מ'האמיר גערעדט טאקע פון דעם ווי שיין כלל ישראל איז, ווי לעכטיג איז פאר דעם ערליכן איד!

אזוי שמועסנדיג זאגט מיר דער איד "דו ווייסט וואס דער נסיון פונעם דור איז?"

"דער נסיון פונעם דור איז אז מ'מאכט אן עסק פון זיין פרייליך - א נייע מין אידישקייט מ'דארף זיין פרייליך און שוין!..."

איך האב אים ברוך השם גארנישט געענטפערט - אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס, אבער איך האב זיך דערמאנט די מעשה וואס דער ראש ישיבה פארציילט פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע.

דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט: "ווען איך בין געווען יונג האב איך געוואלט פארריכטן די גאנצע וועלט, אזוי ווי איך בין געווארן עלטער האב איך איינגעזען אז איך קען נישט פארריכטן די וועלט, האב איך געטראכט איך וועל כאטש מיין שטאט פארריכטן.

שפעטער ווען איך בין עלטער געווארן און איך האב איינגעזען אז איך קען נישט טוישן מיין גאנצע שטאט, האב איך מחליט געווען אז כאטש מיין משפחה וועל איך פאררעכטן. אבער ווען איך בין עלטער געווארן האב איך איינגעזען אז איך קען קיינעם נישט פאררעכטן, האב איך זיך גענומען נאר אויף זיך, זיך אליין מסדר זיין."

ווען מ'קומט אן אין היכל הקודש און מ'הערט די דיבורים פונעם הייליגן רבי'ן, טוישט זיך די גאנצע מח. מען הייבט אן זיין פארנומען מיט זיך.

ס'איז אסאך גרינגער פאר א מענטש צו זיין פארנומען מיט כלל ישראל'ס פראבלעמען ווי איידער אהיימגיין נאך מעריב און רעדן שיין אין שטוב..

ס'קאסט די זעלבע צו זארגן פאר כלל ישראל'ס פראבלעמען און פאררעכטן די וועלט, וויפיל ס'קאסט צו זיין אן ערליכער איד דורכן גיין מיט א צעריסענע רעקל און א צעריבענעם היט..

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז ס'איז זייער גרינג צו גיין צו סיי וועלכע עקסטרעם, סיי זאגן 'מע ס'גארנישט' אויף אלעס, און חלילה ווערן א פורק עול, און אויך די פארקערטע צו גיין צום אנדערן עקסטרעם און שרייען 'יעדער איז א שייגעץ אויסער מיר'...

אבער די לימוד וואס מיר לערנען דא ביים רבי'ן איז צו קוקן נאר אויף זיך, און נישט זיין פארנומען מיט יענעם. מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל אז א חבורה פון אחדות קען נאר זיין אויב יעדער זוכט ביים צווייטן דעם נקודה טובה, און זוכט וואס קען ער זיך לערנען פונעם חבר, נישט אז ער זוכט נאר צו זאגן פארן חבר ווי אזוי זיך צו פירן, און וואס יענער טוט נישט ריכטיג..

מוהרא"ש פרעגט ווי אזוי קען טאקע זיין אז די גרויסע תלמידים פון רבי עקיבא זענען נפטר געווארן שלא נהגו כבוד זה בזה, ווי קומט דאס צו צו די תלמידים פון רבי עקיבא - די גרויסע צדיקים, זאלן צו קומען צו דעם אז זיי זאלן זיך אויפפירן נישט שיין איינער צום צווייטן?

נאר דאס איז געווען אז אנשטאט זיין פארנומען מיט זיך זוכן ביי זיך וואס מ'קען פארבעסערן, זענען זיי נאר געווען פארנומען מיטן נסיון פונעם דור, נאר געזוכט ביי יענעם וואו דארף יענער זיך פאררעכטן, וואס דארף יענער זיך פארבעסערן.

דאס לערנען מיר דא ביים רבי'ן, צו זוכן ביי א צווייטן נאר א נקודה טובה, זוך אויף נאר ביי יענעם וואס קענסטו

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



זיך לערנען פון אים, וואו שיינט ער וואס קען איך זיך לערנען פון אים.

דער דור קען אדער האבן טויזנט פראבלעמען אדער קען עס זיין הערליך שיין, עס ווענדט זיך אין דיר אויב וועסטו אויפזוכן ביי יענעם נאר זיינע נקודות טובות נאר זיין גוטס וועט דער דור זיין הערליך שיין, דו וועסט זען זיין פארנומען מיט זיך, דו וועסט זיך לערנען פון יענעם וואס דו קענסט זיך פארבעסערן.

א בראך פאר ווער ס'זוכט אויף די נסיונות פונעם דור די פראבלעמען פונעם דור, א מענטש פארגעסט צו קוקן אויף זיך ער קוקט נאר יענעם.

דו הערסט א מעשה? דער נסיון פונעם דור איז אז מענטשן זענען פרייליך! א נייע סארט נסיון, שוין פון אלע זיינע פראבלעמען האט ער פארגעסן, דאס אז ס'דא אידן וואס עפענען נישט קיין ספר, דאס איז נישט די נסיון פונעם דור. אבער אויב זענען פאראנען ברסלב'ע חסידים וואס פרייען זיך אז מ'קען אנטון די הייליגע תפילין און דאווענען צום אייבערשטן אז נאכן דאווענען כאפט מען א טענצל, דאס איז ממש געפערליך - א נסיון הדור...

"אייבערשטער העלף מיר אז איך זאל זיך קענען דערהאלטן אויף דעם, און נישט זיין ביזי מיט יעדן איינעם פארוואס טוט ער אזוי און פארוואס גייט ער אזוי, העלף מיר איך זאל זיין פארנומען נאר מיט זיך און זוכן וואס קען מען זיך לערנען פון יענעם א גוטע זאך."

איינער פרעגט מיר "וואס איז פשט אז ביי ענק אין ישיבה איז דא אזעלכע בחורים וואס קוקן אויס ווי 'גאס בחורים', פארוואס דארפן זיי זיך דרייען מיט די אנדערע מער ערנסטע בחורים?"

קודם וואס איז קובע א גאס בחור? אויב גייט ער מיט סניקערס? עס וועט אדורכגיין, וואס האט דאס מיט דיר? פארוואס אויב יענער גייט מיט סניקערס זאל איך מיך אפלערנען פון דעם? איך קוק נישט וואס ער טוט, עס אינטערעסירט מיך נישט. אבער אויב זע איך אז טאג נאך טאג לערנט ער חומש און זאגט תהלים דאס גיי איך מיך יא אפלערנען פון אים

אויב מ'לעבט אן די לימודים פונעם רבי'ן און די שיעורים פון דער ראש ישיבה ווייסט מען נישט פון דעם סוד אז פון יענעם קוקט מען נאר וואס מ'קען זיך אפלערנען פון אים גוטע זאכן, און נישט מ'קוקט אויף יענעם נאר וואס יענער דארף פאררעכטן..

איז דאך זייער פארשטענדליך פארוואס אזא מענטש זאל אזוי טראכטן... אויב מ'איז פארנומען מיט יענעמ'ס חסרונות - זוכן נאר וואו יענער ברויך זיך פארבעסערן, דאן קען מען זיך אפלערנען פון יענעמ'ס חסרונות, אבער אויב זוכט מען ביי יענעם נאר דעם גוטן פינטעלע, דעם נקודה טובה וואס קען איך זיך פון אים אפלערנען א גוטע זאך, דאן קען יענער גיין מיט סניקערס, מיט א הוד"י, ער קען אפילו זיין פרייליך מיט זיין אידישקייט... און נישט נאר וועל איך נישט קוקן אויף אים שלעכט, נאר איך וועל גאר ביי אים אפיר זוכן דאס גוטס, און איך וועל זיך לערנען פון אים זיין נקודה טובה.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן אזא רחמנות'דיגע רבי וואס האט אזוי רחמנות געהאט אויף אונזער דור און אונז געגעבן א וועג, אז אנשטאט מיר זאלן זיין פארנומען פאררעכטן די וועלט, זאלן מיר זיין פארנומען זיך פאררעכטן און קוקן גוט אויף יענעם נאר אויפזוכן זיין נקודה טובה!

א מחי' צו לעבן מיט די לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, מיר זאלן זיך נישט נארן, נאר קוקן אויף זיך וואס האב איך ביי מיר אין האנט דאס איז מיינס און אלעס ארום האט מיט מער גארנישט!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# ואנוהו, התנאה לפניו במצוות

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט (סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה תשפ"ה דַף י"א) "גֵיי אַ טֶענְצְל נָאךְ שַׁחֲרִית אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן אָנְצוּטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית וּתְפִילִין, עֶס זָאל דִיר זַיין חָשׁוּב דַייְנֶע מִצְוֹת (וַואשׁ אוֹיס דַיין טַלִית, דַיין טַלִית קָטָן אֲפִילוּ דִי קַאר וַואשְׁט מֶען מִזְּמַן לִזְמַן, אִיז וָואס אִיז מִיט דִי מִצְוֹת?....)".

**לעצטע געלעגנהייט!**

געבט אריין אייערע טלית צו ריייניגן און פיצן און באקומט צוריק אייער טלית פונקט ווי ניי לכבוד יו"ט מיר נעמען נאך אן טליתים ביז ר"ח ניסן.

CUSTOM
SHOWROOM
FINE JUDAICA

917-474-6118

BORO PARK:
**4529-16TH AVE.**
**BROOKLYN NY 11219**

WILLIAMSBURG:
**187 RODNEY STREET**
**BROOKLYN NY 11211**

LIBERTY:
**10 School St.**
**By appointment only, Ext.3**

*sruliHeskel



מ'נעמט די צווי...

רבונו של עולם

# פון וואו נעמט מען?

**מיט אייער הילף וועלן מיר בעזהשי"ת קענען טיילן פאר אנשי שלומינו א פערטל מיליאן דאללער!**

| זכות משפחה גדולה | זכות משפחה קטנה |
|---|---|
| $3,600 | $1,800 |

נעמט א חלק **845.637.5367**

*sruliHeskel




רבונו של עולם

# פון וואו נעמט מען?

מיט אייער הילף וועלן מיר בעזהשי"ת קענען טיילן פאר אנשי שלומינו א פערטל מיליאן דאללער!

| זכות משפחה קטנה | זכות משפחה גדולה |
|---|---|
| $1,800 | $3,600 |

נעמט א חלק 845.637.5367

*sruliHeskel

פאר די
# בעלב׳ע
שטוב

הער א **מעשה** פון חשובע נשות אנשי שלומינו

# די פאפיר וואס האט געטוישט מיין לעבן

ש. טראכטער



**ערב פסח קורס**
מ. פאפענהיים



**די לעצטע סטייל**
ג. פעקעטע

# ווארעמע פרעסטן

*אין קורצן פון פריער: הבחור יהודה לייב מייזליק ז"ל האט חתונה געהאט מיט זיין ברודער'ס טאכטער בילא און זיך באזעצט אין שטעט מאזיר. שפעטער איז דאס יונג פארפאלק פארשיקט געווארן אין א קאלכאז. נאך א שטיק צייט זענען זיי באפרייט געווארן קיין קיעוו. געווארן א סטאלער כדי צו קענען היטן שבת. ער האט אריינגענומען נאך אידן און אזוי געגרונדעט לובא'ס סטאלעריי וואס איז אין פאקט געווען אן אונטער-ערדישע ישיבה.*

*און יעצט ליינט ווייטער:*

די חשוב'ע מרת ביילא מייזליק פלעגט יעדן טאג קאכן פאר די "ישיבה" אז די ארבעטער "בני תורה" זאלן האבן כח צו ארבעטן (לערנען...).

וויאזוי איז זיי געלונגען אויסצובאהאלטן די ישיבה מיט אירע גמרות פון די לאנגע נעגל פון די רעגירונג?

די צוויי ברודער האבן ספעציעל געבויעט די סטאלעריי מיט טישלער וואס האבן געהאט באהאלטענע לעדלעך, אין די לעדלעך זענען געלעגן די גמרות. אויף די ערשטע פאר בלעטער איז געווען בילדער פון מסכת סוכה, מיט אלע סארט סוכות. פאר די אינספעקטערס וואס פלעגן צומאל אריינקומען אומערווארטעט האבן זיי מסביר געווען אז זיי האלטן אינמיטן א "קורס" אויף סטאלעריי און זיי צו איבערצייגן האבן זיי געוויזן די בלעטער פון מסכת סוכה. אידישע חכמה...

דערצו איז אויך געווען א קארידאר איידער מען איז אריינגעקומען אין סטאלעריי, דארט איז געזעצן אן עלטערע איד וואס זיין אויפגאבע איז געווען צו זיין א שומר, און ווען ער האט געזען א פארדעכטיגע פארשוין קומען האט ער געשלעפט א גלאק וואס האט געווארנט אין ישיבה אז א "יווני" קומט.

אזוי האבן אלע שנעל פארפאקט די ספרים און זיך גענומען זעצן און האקן ווי א "געהעריגע סטאלעריי."







## ש. טראכטער

עטליכע יאר האט זיך די ישיבה געפירט גלייך אונטער די נאז פון די קאמיוניסטן. יעדן טאג איז געווען א פרישע מעשה פון תפילה, און פון חסד ה' ווי דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן, אזויווי חז"ל זאגן, "הבא לטהר מסייעין אותו" אז א מענטש וויל זיין גוט העלפט מען אים פון הימל.

איינמאל האט פאסירט אז א רעגירונגס באאמטער האט באשלאסן אפצושטאטן א באזוך אין סטאלעריי. ער האט זיך פונקט אנגערוקט אינעם צייט פון נאכמיטאג שיעור. פונקט אין יענע מינוט האט די וועכטער פון אינדערויסן זיך איבערגעבויגן עפעס צו נעמען און נאך איידער וואס און ווען איז יענער געווען אינעוויינינג און "געכאפט" דעם גאנצן כולל אינמיטן א ריתחא דאורייתא...

דאס איז נישט געווען אזוי פשוט, די שטראף דערפאר איז געווען טויט שטראף.

אלע אנוועזנדע זענען פארגליווערט געווארן, קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ר' יהודה לייב האט מיט זיין שטארקע אמונה באוויזן זיך צו האלטן רואיג. דער באאמטער איז צוגעטרעטן צו ר' יהודה לייב "דו ביסט די אויפזעהער דא?"

ווען ר' יהודה לייב האט געענטפערט יא האט דער באאמטער געפרעגט אויף רוסיש, "וואס זענען די אלע ביכער וואס ליגן דא אפענערהייט ביי יעדן'ס פלאץ?" ר' יהודה לייב, ווי שוין פריער דערציילט האט געהאט צוגעגרייט א תירוץ דערפאר..

"אה," ענטפערט ער מיט א געמאכטע רואיגקייט, "איך האלט אינמיטן געבן א קורס פאר מיינע ארבעטער וויאזוי צו בויען מעבל שטיק. עס איז פשוט געשריבן אויף לשון הקודש, ווייל דאס איז די שפראך וואס זיי פארשטייען."

עס האט אויסגעזען ווי דער רעגירונגס מאן גלייבט אים, אבער פלוצלינג האט ער אויסגעשאסן אין א ווילדע געלעכטער און זיך אנגערופן אין א פליסיגע אידיש, "וועמען ווילט איר פארקויפן אייערע נארישקייטן? איך האב געלערנט אין חדר און איך בין אפילו געווען עטליכע יאר אין ישיבה, און דו ווילסט מיר איינרעדן וואס איז א גמרא און א משניות? איך וועל ענק אלע אפשיקן קיין סיביר, דארטן אין די פראסטן וועט עס זיך קענען ווארימען מיט ענקערע גמרות..."

אלע זענען געכאפט געווארן אין שאק, יעדער האט געוואוסט אז צו געכאפט ווערן דורך א "אידישע קאמיוניסט" פון די יעווסעקציע איז דאס ערגסטע.

אינצווישן איז געווארן א טומל אין געשעפט און די לומדים האבן זיך צוביסלעך געזוכט ארויסצושליכן פון דארט. ביילא האט מיטגעהאלטן די טומל אין קיך און איז אריינגעטראטן אין געשעפט, זי האט אפגעשאצט די מצב און באשלאסן אז זי האט נישט וואס צו דערליייגן. מיט א שטילע תפילה צום אייבערשטן האט זי זיך ווי א העלדין זיך געווענדן צום באאמטער, וועלכע האט שוין געהאלטן אינמיטן אפשרייבן דעם טיקעט.

מיט א רואיגע געזיכט האט זי זיך געווענדן צו אים, "א גוטן הער!" דער באאמטער האט דאס נישט ערווארטעט און האט איר העפליך צוריקגעגריסט, "א גוטן מאמושקע."

"מעג איך אייך פרעגן וואס איר שרייבט?" האט זי זיך פאראינטערעסירט.

"וואס איז אייערע געשעפטן, מאמושקע? ביטע טרעט אפ."

"אוודאי איז עס מיין געשעפט," האט ביילא געזאגט, "ווייל מיין זיידע און דיין זיידע האבן אינאיינעם געלערנט תורה."

"אזוי? וואו איז דאס געווען?" האט זיך דער באאמטער געוואונדערט.

"ביים בארג סיני!" האט ביילא געזאגט..

דער באאמטער האט זיך צולאכט און ווייטער געשריבן.

אבער ביילא האט נישט נאכגעלאזט און מיט א ווארימע מוטערליכע שטומע האט זי געפאדערט פון אים, "איך פארלאנג אז דו זאלסט תיכף צערייסן דעם דעקרעט און פאלאזן די אידן. טראכט אריין וואס דו טוסט, דו האלסט ביים אפזיגלען די לעבן און צוקומפט פון זעכציג אידן, עלטערע און טאטעס פון קינדער און זיי פארשיקן אויף אייביג קיין סיביר, דאס וועט בלייבן אויף דיין געוויסן לעולמי עד, דו וועסט זיך נישט קענען מוחל זיין א גאנץ לעבן, סיי אויף די וועלט און אפגערעדט אויף יענע וועלט. "איז נישט גענוג וואס מיר ליידן פון די שנאה פון די גוים? פעלט נאך אויס אז די אידן זאלן אליינס צולייגן ברענשטאף?"

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# די פאפיר וואס האט געטוישט מיין לעבן

א ינמיטן די העפטיגע הכנות צום גרויסן יו"ט, קומט זיך פאר די אידישע פרויען א שטיקל וואקאציע. זעץ זיך אנידער מיט א קאווע און א שטיקל קוכן און ליין די פסח קלינינג געשיכטע וואס מיין חבר'טע האט מיר דערציילט.

מאנטאג ויקהל תשפ"ה:

איך האב געמאכט א גאנצע סדר פאר'ן טאג. היינט גייט מען בס"ד אניאגן א וועלט. מיין געהילף דארף קומען ניין אזייגער און איך האב געהאט אן ערנסטן פלאן אנצויאגן "כמעט אלעס."

איך בין געווען צוגעגרייט: די שמאטעס, די זייף, די ליסטע, און פארשטייט זיך תפילה.

איך האב זיך געלייגט פרי א נאכט פריער, איך ווייס אז די סוד פון כח איז אויב מען האט א גוטע נאכט שלאף. אבער מיין בעיבי האט זיך עפעס נישט גערעכנט מיט מיינע באמבאסטישע פלענער. 11:30, 12:15, 1:45, 2:30 און אזוי ווייטער ביז איך האב מיט מידע אויגן געקוקט אויפ'ן זייגער און געזען אז מען דארף שוין אויפוועקן די קינדער פאר די באסעס.

אייגנטליך האב איך זיך געוואונדערט, פארוואס שלאפן טאקע אלע קינדער? געווענליך זענען זיי שוין אויף פון זיך אליינס און קומען מיר וועקן. א בליק צום פענסטער האט מיר פארענטפערט די שאלה. די וועטער האט אויסגעזען זייער פארכמורעט, רעגנדיג און פארנעפלט.

די ערשטע ביסל לופט האט אנגעהויבן ארויסלויפן פון מיין באלאן. איך בין אריין אין צימער פון די קינדער און פראבירט אריינצובלאזן כח אין מיין קול. "אויפשטיין... אויפשטיין.. א נייע

"טאג, א פרישע טאג... ווער קומט?"

קיין אנטווארט.

איך האב אנגעהויבן זינגען, בעטן, שמייכלען, צוזאגן א גוטע זאך, אבער אין קול ואין עונה. דער וויל שלאפן, יענער ציעט די דאכענע. א דריטער הייבט אן וויינען און נאך איינער צעקריגט זיך נאך מיט צוגעמאכטע אויגן. ב"ה מיין זיבן יעריגער האט זיך יא דערוועקט מיט א שטיקל פרישקייט, און מיט א שמחה אראפגעטרעטן פון בעט, גלייך אין די נעגל וואסער אריין...

איך וועל אייך נישט מיד מאכן מיט מיין מידע צופרי. די ביינער האבן געבעטן א בעט, די קינדער זענען ארויס אין די לעצטע מינוט. איר פארשטייט אז די איבערקערעניש איז געווען אויפ'ן העכסטן גראד, אבער איך האב זיך געהאלטן רואיג ווייל אט אט קומט די רוימערקע.

אבער ווייזט אויס אז זי איז אויך אויפגעשטאנען מיד און רעגנדיג. די זייגער ווייזט אויף ניין אבער זי איז נישטא. איך בין איר מלמד זכות און איך ווארט צו ביז 9:30, אבער ווען איך זע אז זי קומט נישט אן, פראביר איך איר צו רופן. איר פאון איז אויסגעלאשן. עס גייט גלייך צום וואויסמעיל. ווייזט אויס אז זי האלט אינמיטן א זיסע שלאף. איך פראביר נאכאמאל און נאכאמאל, ענדליך נאך כמעט צוויי שעה הייבט זי אויף, איר קול זעט אויס ווי זי איז נאך אינמיטן א טיפן שלאף: "אוי, אנטשולדיגט, מיין עלטער זיידע איז אין שפיטאל" פארענטפערט זי זיך (נישט).

איך זיפץ אפ, איך זעץ זיך אראפ און קוק זיך ארום, אוי, נישט היינט, די שמאטעס, די זייף און וואסער אינאיינעם מיט מיין ארגאניזירטע ליסטע שמייכלען מיט שפאט צו מיר, נישט היינט.

אוי, באשעפער, איך האב נישט כח, איך בין אזוי מיד, די וועטער שפילט נישט מיט, די גוי'טע קומט נישט, אבער פסח קומט יא. ווי געב איך זיך אן עצה?

איך מאך א שטילע תפילה, "באשעפער איך וויל בלייבן פריילך, העלף מיר."

דר...דר...דר...

"העלא?"

"יא?"

"א גוטן, דא רעדט די לערערין פון גיטי, איך האב אייך נאר געוואלט לאזן וויסן אז גיטי שפירט זיך נישט גוט, זי האט יעצט געבראכן און מען דארף איר קומען אפנעמען."

"יישר כח."

איך לייג אראפ די טעלעפאן און אטעם טיף אריין. אפשר העלפט יא הילינג?! איך קוק ארויף צום הימל, "אייבערשטער איך וויל אזוי שטארק בלייבן פריילך און רואיג, העלף מיר, שיק מיר אריין א שטיקל חיזוק. שכח אייבערשטער פאר מיין לעבן, אבער טאטע איך פיל אזוי אנגעשטרענגט."

איך באשליס צום ערשט צוזאמצונעמען די קאך, און אזוי צווישן די בארג פאפירן האב איך געטראפן א פאפיר וואס האט מיר געטוישט די גאנצע בליק פון מיין טאג, אייגנטליך פון מיין לעבן.

איך וויל עס מיטטיילן מיט אייך:

**אויב האסטו א דאך איבער'ן קאפ, קליידער אנצוטון, עסן אין דיין הויז, און א בעט צו שלאפן, ביסטו רייכער פון 75% מענטשן אויף די וועלט.**

**אז דו האסט צומאל איבעריגע פָּאר סענט אין טאש ביסטו פון די 7.5% רייכע מענטשן פון די וועלט.**

**אויב דו קענסט ליינען די ארטיקל ביסטו מער געבענטשט פון איבער 2 ביליאן מענטשן פון איבער די וועלט וואס קענען נישט לייינען.**

**אז דו קענסט עפענען די אויגן און זען די שיין פון די זון זאלסטו געדענקען אז 49 מיליאן מענטשן ארום די וועלט קענען דאס נישט טון!**

**אז דו קענסט זיך אליינס באגיין, דו קענסט גיין און קומען און זיך רירן אן די הילף פון א צווייטן, האסטו א מתנה וואס בערך 1.3 ביליאן מענטשן איבער די וועלט האבן נישט!**

**אויב דו ביסט נישט אין שפיטאל, דו שלאפסט אין דיין אייגענע בעט אן דאקטורים ארום דיר, זאלסטו וויסן אז איבער 24 מיליאן מענטשן אין אמעריקע האבן נישט די לוקסוס וואס דו האסט.**

**אז דו ביסט נישט אין תפיסה און דו קענסט גיין און קומען ווען און וואו דו ווילסט, דאנק דעם אייבערשטן. איבער צוויי מיליאן מענטשן אין אמעריקע האבן נישט די פריוויליגיע.**

**אז דו ביסט היינט אויפגעשטאנען געזונט האסטו א מתנה וואס איבער א מיליאן מענטשן ארום די וועלט האבן נישט באקומען.**

**אז דו קענסט אפענרהייט לערנען און דאווענען האסטו א זכות וואס מיליאנען אידן אין אלע דורות האבן נישט געהאט.**

**ממילא, שמייכל און דאנק דעם אייבערשטן ווייל דער אייבערשטער באגיסט דיך מיט חסדים יעדע רגע און יעדע מינוט!**

פארשטייט זיך אז נאכ'ן ליינען אזאנס, הייבט די מח אן טראכטן אנדערש. איך האב זיך ארומגעקוקט אויף מיין דירה, טאקע אויפגעווארפן און אנגעלייגט, אבער שכח אייבערשטער אז איך בין דא און איך בין געזונט, איך קען זיך באגיין אליינס. טאקע אביסל מיד, טאקע אן הילף, טאקע די פרנסה דרוקט אביסל אבער איך האב א דאך איבער'ן קאפ, איך האב וואס צו עסן, און איך קען זיך צוזאמקלויבן.

מיט אביסל מוזיק און אסאך חיזוק האב איך זיך גענומען צו די ארבעט. און וואונדער איבער וואונדער, דאס וואס האט אויסגעזען ווי א בארג אנהייב טאג איז מיר געווארן גרינג ווי א פעדער, איך האב צוזאמגענומען די הויז, אפילו אפגעקאכט א ווארימע נאכטמאל און נאך אנגעיאגט אביסל וועש אויך. און פארשטייט זיך אהיימגעברענגט מיין

אוצר פון סקול און געבליבן פריילך!

דער ראש ישיבה דערציילט אונז אסאך די מעשה ווי דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז אלעס איז אין מח. גלות און גאולה, פרייד און טרויער, אלעס ווענדט זיך אין די מח אין דעם מחשבה פון דעם מענטש. ווען די תלמידים האבן דאס נישט געקענט פארשטיין האט זיי דער בעל שם טוב זי"ע געשיקט אינדערויסן צו חייקל וואסער טרעגער.

די תלמידים זענען ארויס און אים געפרעגט: "חייקל וויאזוי גייט עס?"

חייקל האט אפגעווישט די שווייס און געזיפצט מיט ווייטאג, "נישט גרינג." דאן האט ער מיט צער מסביר געווען ווי שווער ער ארבעט, ווי סאך וואסער ער טוט שלעפן און ווי ווייניג ער באקומט דערפאר. ער האט זיך פארטראכט און מיט ווייטאג גערעדט פון יעקל דער גביר וואס זיצט זיך אזוי באקוועם אין זיין ווילא מיט געשעפטן איבער די גאנצע וועלט... וואו איז יושר?

אויפצומארגנס האט זיי דער צדיק ווידער ארויסגעשיקט צום וואסער טרעגער.

"חייקל, וואס איז נייעס?" אינטערעסירן זיי זיך.

חייקל שמייכלט ברייט און לייגט אראפ די עמפערס וואסער.

"הודו לה'! דער אייבערשטער איז אזוי גוט."

און ער הייבט זיי אן דערציילן ווי געבענטשט ער איז, ער האט אזא ריינע און גרינגע פרנסה, ער האט נישט קיין שום אינוועסטמענטס, ער קומט נישט קיינעם, א רחמנות אויף יעקל גביר, ער האט אזויפיל דאגות, ביזנעס איבער די וועלט, ער זיצט קיינמאל נישט רואיג.

חייקל דערציילט מיט שיינענדיגע אויגן ווי ער ענדיגט זיין ארבעט בערך פיר אזייגער, ער גייט אהיים צו זיין ווייב און קינדער און ער איז זיך ממש מחי', דאס לעבן איז גוט!

האבן די תלמידים איינגעזען אז עס איז נישט די מצב נאר די בליק אויף די מצב.

מיט אונזער מתנה פון תפילה קענען מיר זוכה זיין צו זען דאס גוטס און צו זיין פריילך אין מח, אזויווי דער ראש ישיבה זינגט "ווען מ'איז פריילך איז אלעס גוט!"

...

דער הייליגער רבי האט זיך געפירט איבערצוגעבן די טאג גלייך אינדערפרי פאר'ן אייבערשטן, און פאר עס איז געקומען שבת און יו"ט זיך צוויי מאל איבערגעגעבן.

שמועסנדיג מיט נשות אנשי שלומינו האב איך געהערט פון מערערע פרויען וואספארא שיינע רואיגע ערב פורים און פורים זיי האבן געהאט וויל מען האט זיך איבערגעגעבן צום אייבערשטן און געמאכט תפילה אז מען זאל אנקומען רואיג און פריילך צום יום טוב.

יעצט אין די טעג פאר פסח איז אזוי גוט איבערצוגעבן די טאג, די ליסטע, די חשבונות, די שאפינג, אלעס אלעס פאר'ן אייבערשטן, און דערנאך זעט מען ממש וואונדער ווי אלעס פאלט אזוי שיין אריין אין פלאץ.

דאס מאכט אזוי קלאר די מח, אזוי מסודר אזוי מוצלח'דיג.

און אז די מח איז מסודר דארף מען דאך אבער כח... וואס איז אן עצה אויף כח? אויף דעם שרייבט דער ראש ישיבה כסדר, "דאנק דעם באשעפער אויף אלע חסדים וועסטו באקומען כח."

אז מיר קענען עפענען די אויגן צו די חסדים און דאנקען און לויבן אויף די גרויסע און קליינע חסדים, אויף וואס מיר ווייסן און וואס מיר ווייסן נישט, אויף די אפענע און באהאלטענע באקומט מיט א עקסטערע דאזע פון כח. נישט יעדע מעשה קען מען מעלדן אויף די ליין אלץ א מעשה פון תפילה, צומאל זענען די מעשיות צו פריוואט, אבער לאמיר מיר נישט פארגעסן צו דאנקען און לויבן דעם באשעפער על כל נשימה ונשימה תהלל קה.

מיט תפילה והודאה וועלן מיר זוכה זיין אנצוקומען מיט א סדר צום סדר!



# קלאסיפיידס

Deadline to advertise Sunday 12:00




## KB Shopping Expo

Tons of stores under one roof!
Come and shop for all your yom tov needs!

**Tuesday april 1**

187 Twin bridge (beis hamedrish atzusoi eminu)
from 8 till 10 in the evening

## דערמאנונג פון בית התבשיל

די דעד ליין אריינצוגעבן די אפליקאציע פאר די פסח חלוקה איז ראש חודש ניסן

צו באקומען אן אפליקאציע קען מען זיך ווענדן צו ר׳ שלמה יאקאבאוויטש נ״י
(845) 637-5367

## שריפת חלה

מיר פארברענען חלה אין אפסטעיט ניו יארק.
אויך פיקן מיר אויף.

רופט ווי פריער
347-585-9054

## נאך א בעבי נאך א בעבי

צו באקומען פיינע נאראפאטיגע פרישטאג פאר קימפעטארינס

רופט
שטייבערגער (917) 387-7838
פינטער (347)-415-2888

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה הערשל בוים הי״ו**
**וזוגתו שרה תחי׳**
**צו די געבורט פון א צווילינג למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

ס'קומט יו"ט
האנדלט אייך
איין ווי א איד!



מארגן קענט איר שוין אנהייבן פרירן

# די היימישע
# דשאוס האט
# נישט קיין
# פלאץ אין
# די פיצי
# פריזער



GE SAMSUNG HOTPOINT MAYTAG KitchenAid
Whirlpool Element FRIGIDAIRE Electrolux LG

D&S APPLIANCES

---

718-938-8605 | Sales@dshomeappliances.com | dshomeappliances.com

*sruliHeskel



ג. פעקעטע

# די לעצטע סטייל

וועלכע זאך לויפט דורך אזוי שנעל, נישט ווי די שאטן פון א וואנט וואס בלייבט שטיין, נאר ווי די שאטן פון א פייגל וואס פליט אריבער?

די לעבן!

אמת, אבער עס איז דא נאך א זאך וואס פליט מיט אזוי שנעל מיט אונזער לעבן. דאס זענען די סטיילס - וואס זענען קיינמאל נישט אין סטייל: ווייל אפילו בשעת דו קויפסט איין אין געשעפט די לעצטע סטייל - מאלט מען, דיזיינט מען, און מען באשטעטיגט שוין די קומענדיגע יאר׳ס סטיילס אין פאריז אדער איטאליע. קומט אויס אז דיין נייע קלייד איז שוין פון לעצטע יאר סטייל.

ווען מען לויפט נאך די מאדעס שעפט עס זייער אויס.

איך האב אנגערופן מיין חבר׳טע, פאריאר, וואס וואוינט ביים פענסטער, און איך האב איר געזאגט: "יעצט ערב פסח האב איך א חתונה פון א נאנטע משפחה, און עס איז צייט איך זאל זיך קויפן א שיינע נייע חתונה קלייד, צו האבן פאר די נעקסטע פָּאר שמחות וואס קומען". וויבאלד זי וואוינט ביים פענסטער האב איך גוט געוואוסט אז זי איז די ריכטיגע אדרעס צו פרעגן אויף די לעצטע סטייל; זי זעט אלעס און זי ווייסט אלעס, און זי לעבט אויך אינדרויסן פון איר פענסטער היבש אסאך, זי דרייט זיך אין די געשעפטן, און וואוינט פאר יענעם אויפן גאס.

גלייך ענטפערט זי: "דו מוזט קויפן א ניט סוועדער, מיט א

(A-line) איילײן סקירט, און אריינלייגן די סוועדער אין די שעסל". ענטפער איך איר צוריק: "האסט אויסגעטראכט גאר א גוטע מאדע, אבער למעשה ווי אזוי גייט מען היינט, איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהערט אז מען זאל נעמען א דיקע געשטריקטע קראציגע טאפ, און עס ארײנשטעקן אין די שעסל, ס'איז פונקט קעגן די וועג פון די וועלט". "ניין, ניין, ניין" - ענטפערט זי מיר, "ס'איז טאקע אזוי, איך זאג דיר, גיי אריין אין געשעפט, וועסטו עס זען אנגעטון אויף אלע דאמי'ס. קויף דאס, איך זאג דיר דאס איז די לעצטע סטייל, עס לוינט זיך זאלסט דאס קויפן, וועסט אויסזען עכט גוט".

זי איז טאקע א מבין אין די זאכן - האב איך זיך געלערנט ביים חתונה - ווייל איך האב געטראכט אז עס קען נישט זיין אזא מאדנע מאדע, עס האט דאך נישט געמאכט קיין שום סענס, עס איז קעגן די מענטשליכע שכל אזוי צו גיין..

האב איך געקויפט א שיינע, זיידענע, מידי קלייד, וואס איך האב שוין געזען אויף א היבשע פאר פרויען, זיך געגרייט צום חתונה, און זיך געפריידט מיט מיין נייע קלייד.

ווי איבעראשט בין איך געווען, ווען איך קום אן צו די חתונה און איך זע אז יא, מיין חבר'טע איז יא א מבין, זי האט גוט געוואוסט. די אלע פרויען וואס צייכענען זיך אויס אין די לעצטע מאדעס, וואס ווייסן אלעמאל ווי אזוי מען דארף יעצט גיין, וואס ס'שטייט אין די בוך אז מען דארף אנטון, וועלכע קלייד, מיט וועלכע שיך; האבן טאקע אנגעהאט א דיקע קראצעדיגע סוועדער, אריינגעשטעקט אין זייער שעסל; איי ס'איז חודש ניסן? אבער וואס טוט מען נישט צו זיין אין סטייל.

איך בין אהיימגעקומען אביסל אנטוישט, ווייל איך בין געגאנגען צאלן געלט זיך צו קויפן א נייע קלייד, איך טו עס נישט אזוי אפט, און איך וואלט ענדערש געקענט באשטיין אז דאס וואס איך קויף זאל שוין זיין פון די לעצטע סטייל, אז איך זאל עס קענען טראגן פאר נאך אפאר סיזענס, און עס זאל נאך אלס זיין פון די latest in. גם זו לטובה.

עס האט זיך געמאכט אין יענע תקופה אז איך בין ארויסגעגאנגען איין טאג, און איך זע א געשעפט וואס האט א גרויסע סעיל. אה, איך וויל זיך שוין לאנג קויפן א נייע סקורט צו ניצן יעדן טאג ווען איך גיי ארויס, דא האב איך מיין געלעגנהייט.

איך גיי אריין אין די געשעפט, און איך בין זייער זייער צופרידן אז יא, זיי האבן טאקע די סקורט וואס איך האב געזען אויף אלעמען, אזא מיטל לענגליכע knit- געשטריקע סחורה, pleated שווארצע שעסל. איך נעם עס צום באצאלן, און איך בין צופרידן אז די פרייז איז שוין זיבעציג פראצענט אראפ; איך האב געכאפט א מציאה פאר באבקעס..

שכח אייבערשטער אז נאך אזויפיל מאל געבן א שיס א תפילה, ווען איך האב זיך דערזען אז עס פעלט מיר א שעסל פאר מיין באנוץ, האב איך דא אזוי שיין און גרינג די שעסל.

א וואך צוויי דערנאך איז מיר אויסגעקומען צו נוצן די שעסל, ל"ג בעומר ווען איך האב עס ענדליך געקענט באנייען. אבער ווידעראמאל, צו מיין באדויער, זע איך ווי דער עולם גייט נישט מיט אזעלכע שווארצע מידי לענג שעסלער. איך זע ווייס, פינק, בלוי, בעיש, אבער א שווארצע מידי pleated סקורט, האב איך נישט געזען..

"וואס איז מיט מיר" - קלער איך צו זיך - "פארוואס קען איך עס קיינמאל נישט מאכן, פארוואס קען איך קיינמאל נישט ריכטיג צוטרעפן די פאסיגע מאדע, פארוואס נאר איך בין אלעמאל א סיזען שפעט?" איך האב אפגעמאכט ביי זיך אז איך גיי זיך גוט אומקוקן צו וויסן וואס איז יעצט די נייעסטע מאדע, און איינמאל פאר אלעמאל לכבוד שבועות, זיך אהערשטעלן דשאסט סאו.

ווי אזוי טאקע קען מען עס מאכן?! איך קלינג ווייטער אן מיין חבר'טע - די מבין ביי די פענסטער, און איך זאג איר: "יא טאקע- דו ביסט געווען גערעכט, אבער איך האב זיך נישט געקענט ברענגען צו אנטון אזא אינטרעסאנטע מאדע, וויל איך פרעגן יעצט פאר די זומער, אז איך גיי שוין איינקויפן א פאר שיך, וועלכע שיך זאל איך קויפן אויף שבועות?"

"שיך? דו מוזט קויפן די לייכטע בעיש, וועלוועט שיך". "וועלוועט???" פרעג איך איר "ביזט אויפן קאפ געפאלן, ס'איז זומער". "יא, יא, יא, יא, יעצט דארף די שיך זיין וועלוועט, נישט קיין חילוק זומער ווינטער, דאס איז די שיך; עס דארף זיין לייכט בעיש וועלוועט".

איך גיי אריין אין געשעפט און איך איבערצייג זיך אז עס איז אמת אירע ווערטער. אלע שיך אויפן דיספלעי זענען פון ליכטיג בעידש, און די סחורה וועלוועט. אבער דאך מיין שכל האט עס נישט געקענט טון, ווער גייט אין די זומער מיט א וועלוועט שיך? האב איך געקויפט א שיינע פאר, ליכטיגע פעטענט שיך.

צופרידענערהייט גיי איך ארויס מיט מיין בעג אין די האנט.

שבועות האב איך געזען אז נאכאמאל איז מיין חבר'טע געווען גערעכט, קוקט אויס אז נאכן אזויפיל קוועטשן ביים פענסטער האט זי זיך יא עפעס קונה געווען. כאטש ווייס איך דאך וואס מען מוז יעצט האבן.

אין די ווינטער האב איך געהאט אפאר חתונות אויסגע'שורה'ט אין א רייע, מיט א בר מצוה, און א שבע ברכות, מיט א אפשערן, א וואכנאכט... צוגעגרייט אויף מיין ליסט; האב איך געקלערט אז דאס מאל וועל איך זיך ערלויבן א נייע שיך, און איך וועל שוין האבן די וועלוועט בעיש שיך, צו קענען זיין ווי יעדעם. איך האב זיך ערלויבט א פאר שיין, לייכט בעיש וועלוועט שיך. עס האט ווידער נישט געשטימט מיט מיין שכל, ווייל ווער גייט אין די ווינטער מיט א ליכטיגע קאליר אויפן פיס? אבער איך האב שוין אזויפיל געזען אז מיין חבר'טע איז יא גערעכט ווען זי האט מיר געזאגט וואס די סטייל איז. און איך האב מחליט געווען איך וועל זיך איינבייגן מיין קאפ, און יא גיין קויפן דאס וואס זי זאגט.

אוודאי און אוודאי ביז איך האב זיך דערזען אין די פאר שיך, איז שוין געקומען די נעקסטע מאד(נ)ע זייער שנעל.

כ'האב געוואלט קויפן א שיינע צירונג פאר יום טוב פאר מיין טאכטער, האב איך איר געקויפט דאס וואס די געשעפט טענה'נט אז דאס האט יעדער איינער, א טיפעני קייטל און ברעיסלעט סעט. די לייכט גרין שטיינדלעך וואס איז אריינגעפלאכטן צווישן די גאלדענע טשעינ'ס, האט מיר אויסגעזען ווי א 99c. ביליגע שפילצייג צירונג.

אבער נו, איך האב זיך שוין גוט אויסגעלערנט מיין לעקציע - אז מען דארף האבן אין די האר א שמעגעגי - און עס זעט אויס ווי יונגע מיידלעך טוען זיך שוין אן א טיכל אויפן קאפ- עס הענגט אראפ די צוויי שטיקלעך פון טיכל סחורה פון זייער פאני. אפשר איז חינוך יא וויכטיג אנצוהייבן אויסלערנען פאר קינדער יונגערהייט צו האבן א טעם דערין נאך די חתונה, ווער ווייסט?

ווען ס'איז געקומען צו קויפן א מתנה פאר מיין ניס (ניכטע), וואס גייט יעצט גראדואירן אין חודש סיון, האבן אלע געזאגט אז ס'מוז זיין א michelle זייגער, איי ס'קאסט א הון רב, אבער שוין, דאס איז וואס אלע מיידלעך טראגן. שכח אייבערשטער אז מען קען היינט קויפן גוטע נאכגעמאכטע- כאטש מיין ניס, זאל זיך פילן אין פלאץ - טראץ וואס איך האב נישט געקענט דערלאנגען די סטיילס פאר זיך...

דו גייסט יעצט ארויס איינקויפן פאר יום טוב. פאר דיר, פאר די קינדער, פאר די גאנצע משפחה - געדענק וואס דער הייליגער רבי זאגט: די וועלט איז נישט, און מען קען עס נישט האבן - תורה און תפילה איז יא, און מען קען עס יא האבן. וויפיל דו וועסט פרובירן צו איינקויפן די טייערסטע, די שענסטע, אדער די לעצטע סטייל, וועסטו נאך אלס נישט דערריאגן, ווייל ס'וועט זיין נאר איינער וואס זעט אויס פונדרויסן שענער און בעסער און טייערער אנגעטון - איז א שאד בכלל אריינצוגיין אין דעם cat-race, אין די שטות פון נאכלויפן סטיילס, מאדעס, די טייערע קליידער, עקסעסעריס...

מיר דארפן איינקויפן לכבוד יום טוב - אויסצוזען שיין און ציכטיג, ווי אידישע קינדער. רייך, זויבער, און שיין. ס'איז נישט קיין פראבלעם אז דיינע קינדער זענען אנגעטון מעטשי - די זעלבע. אבער זיך אריינצואווארפן קאפ און מח און איבערבלייבן מיט א אויסגעזעקלטע טאש- אן א מח- איז זיכער נישט קיין תכלית.

תורה און תפילה- א קורצע תפילה פאר מען גייט ארויס, א פרוטה אין די פושקע און מען שעפשעט: "הייליגער באשעפער, העלף איך זאל קענען גרינג און ביליג איינקויפן פאר מיין גאנצע משפחה אויף יום טוב, ס'זאל זיין שיין, איידל און ציכטיג". און מען קען זיך צולייגן די אייגענע תפילות, פונקטליך וואס מען וויל, און נאכדעם געבט מען עס איבער פארן אייבערשטן, מען לאזט זיך פירן, און דער אייבערשטער העלפט אז "אויף פסח וועט זיין" - אזוי ווי דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט פאר זיין טאכטער, ווען זי איז געקומען וויינען אז ס'איז גארנישט דא אין שטוב אויף פסח. אבער ר' נתן האט אויסגעפירט - "אבער וואו נעמט מען די פסח אליין", ווי נעמט די קדושה פון פסח??

ווי גליקליך זענען מיר אז מיר ווייסן יא ווי אזוי מען קען איינקויפן די פסח אליין - די קדושה פון פסח. ס'קומט נאר דורך תפילה, בעטן דעם אייבערשטן אן א שיעור מאל פאר יום טוב, "מען זאל זוכה זיין צו שפירן א טעם אין יום טוב, האבן א פרייליכע און כשר'ע יום טוב" און זיך פירן לויט ווי אזוי די ראש ישיבה איז מעורר און מחזק - וואו אזוי די תורה הייסט זיך צו צוגרייטן אריינצוברענגען די הייליגע יום טוב - אזוי קען מען זוכה זיין צו שפירן די זיסע טעם פון יענע וועלט - דא אויף די וועלט.

# הער א מעשה

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

1. איך בין געפארן צו מוהרא"ש'ס ציון ביים יארצייט, אויפן וועג אהיים בין איך געווען זייער אויסגעמוטשעט פוןווארטן לאנג און נישט האבן וואו צו זיצן אין לופטפעלד, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן צו האבן א גוטע פלאץ אויפן עראפלאן, כדי איך זאל אנקומען אינדערהיים אויסגערוט.

און צו מיין וואונדער האט פאסירט גאר אן אינטערעסאנטע זאך, די עראפלאן איז געווען אינגאנצן פול אן קיין איין ליידיגע זיץ, נאר נעבן מיר איז געווען איין ליידיגע פלאץ. איך האב געווארט ביז אלע מענטשן קומען ארויף, אפשר וועט נאך צום סוף איינער אנקומען, אבער דאס האט נישט פאסירט. עס האט מיר געמאכט אסאך באקוועמער איך האב זיך געקענט אביסל מסדר זיין, און זיך געקענט אפרוען און אנקומען אינדערהיים אויסגערוט.

2. שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל. איין צופרי האב איך מתפלל געווען ביים ציון פון רבי שמעון בר יוחאי.

אינמיטן האב איך באקומען מורא'דיגע קאפ ווייטאג, איך האב געזאגט די ווערטער פון דאוונען אבער גארנישט געקענט טראכטן. ווען איך האב געזען אז ס'ווערט נאר מער און מער, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן ערגעץ טיילאנאל.

אזוי ווי איך האב נישט געקענט טרעפן טיילאנאל, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל כאטשיג טרעפן וואסער צו טרינקען. מיין מאנ'ס פאון האט נישט געהאט קיין סערוויס דארט, און איך האב אויך נישט געטראפן איינער וואס פארשטייט אידיש. האב איך זיך ארומגעדרייט אין די גאנצע פלאץ צו טרעפן עפעס א עצה.

ווען איך האב שוין געפילט אז איך האב נישט קיין שום עצה נאר דעם אייבערשטן, זע איך פלוצלונג ווי א חסידי'שער אינגערמאן - וואס רעדט אידיש - עפנט עפעס א טיר פול מיט זאכן פאר ערשטע הילף.

איך זע דארט א באטל פרישע וואסער, איך פרעג אים אויב איך קען עס האבן, זאגט ער "יא, נעם די גאנצע זאך.

## מ. ג.
לינדען

געוועינטליך האב איך נישט א רוימערקע וואס העלפט צו מיט די שטוב ווירטשאפט, אבער ווען מען האט צוויי קינדער ברעכן דורכאויס די נאכט, דארף מען האבן א העלפער דרינגענד!

אזוי טרעף איך זיך זינטאג אינדערפרי מיט בערגלער וועש, בעט געוואנט, האנטוכער, און צוגאב צו אלע שמוציגע וועש פון שבת.

וועלעכע גויטע וויל קומען אפאר שעה? אבער אויב מען בעט, העלפט דער אייבערשטער!

שכח אייבערשטער פארן צושיקן א גויטע פאר א גוטע פרייז!

## א. זויבערמאן
צפת

מיינע ברילן האט זיך צובראכן, און איך האב געדארפט קויפן נייע. אין צפת איז נאר דא טייערע געשעפטן אבער אין בני ברק איז דא א געשעפט וואס איז כלומר'ש א גמ"ח און ס'קומט אויס זייער ביליג.

אבער ביז ווען איך וועל אנקומען אין בני ברק דארף איך דאך עפעס אנטון, בין איך געגאנגען קויפן לענסעס, אבער כ'האב געזען אז דאס איז אויך זייער טייערע, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן עפעס א ביליגע זאך אויף ביזדערוויל, אינמיטן רופט דער בעל הבית פון די ברילן געשעפט אן מיין מאן אז ער האט אפאר לענסעס וואס ער קען אונז געבן פאר אומזיסט...

מיין מאן האט אים געפרעגט פארוואס ער געבט פאר אומזיסט ענטפערט ער אים 'אז מ'גיבט דיך - נעם און בלייב שטיל'...

מ. פאפענהיים

# ערב פסח קורס



מאמי! היינט קען מען שוין פסח'דיג מאכן די שפילצייג?

מיינע גרויסע זענען אהיימגעקומען מיט פייער אין די אויגן, נאך אפאר טעג וואס זיי זענען שוין גוט אנגערייצט פון די לעבעדיגע ארבעט וואסווארט אויף זיי. ענדליך האבן זיי שוין געמעגט אנפילן די וואנע מיט זייף וואסער, און אריינלייגן די גרויסע קארעלער און וועגעלער. מיט א אימפעט האבן זיי אלעס אויסגעריבן און אפגעשווענקט, און ארויסגעלייגט אין באלקאן זיך טרוקענען.

ס'הערט זיך מורא'דיג, הא? אזוי קוקט עס אויס פון זייער ווינקל, פאר די גרויסע מאמע'ס וועל איך אראפלייגן ווי די גאנצע הויז איז געשוואומען אין וואסער, אין אנפאנג זענען זיי נאך געווען גאנץ רואיג, און זיי האבן דווקא געטון א גוטע ארבעט, אבער ערגעץ וואו איז עס ארויסגעפארן פון די ראמען, איך ווייס נאכנישט וואס וואסער מאכט אויפן מח פון א מענטש, בפרט א קינד, עפעס ווערט לויז דארט, אינמיטן די מח; אדער האט עס אפשר גאר מיטן נפש צו טון? ווען מען זעט וואסער שפריצן עפנט עס די געפילן? אזוי צו אזוי, אינמיטן די ארבעט הער איך שוין קולות, "מאמי! זי האט מיר אנגעשפריצט!" "אוי ווי, איך ווער איינגאנצן נאס!" "יאלא! די וואנע איז שוין ליידיג! יעצט גיי איך פסח'דיג מאכן מיין קאפי!"

עס טוט זיך א איבערקערעניש, יעדער דארף זיך איבערטון פון קאפ ביז פיס, און זיי נעמען זיך אפשארן די וואסער און אפווישן אוואו עס איז נאס געווארן.

איינס פון די פארדינסטן נאך אזא ארבעט, איז אז די קינדער, (און אויך די גרויסע מאמע) זענען ה-ו-נ-ג-ע-ר-י-ג, זיי עסן אויף מיט אפעטיט וואס מען שטעלט נאר אויפן טיש, און פאלן אריין אין די בעטן, אויסגעמוטשעט און באפרידיגט.

זייטס מיר נאכנישט מקנא אז איך האב אזעלכע גוטע העלפער'ס ערב פסח, איך קען זיך נישט ערלויבן צו צאלן יעדן טאג דעם הויכן פרייז וואס ס'קאסט, איך מיין דא נישט געלט, איך מיין דא כח און מח פון א אידישע מאמע...

און עס איז אויך דא יארן וואס מען מוז מוותר זיין אויף דעם, עס מאכט זיך צייטן וואס דווקא מיטן זיך אפרוען בויעט מען וועלטן, עס מאכט זיך אבער יארן וואס דער מצב אין די משפחה איז אביסל גרינגער, און מען קען האבן די פארגעניגן פון זען אויף פסח די גאנצע הויז שפיגלדיג ריין.

אין אזא יאר האב איך געהאט א נאנטע בר מצוה ר"ח ניסן, נאכן אויסגלאנצן א צימער זענען מיר ארויסגעגאנען אביסל זיך אויסלופטערן און זיך טרעפן מיט מענטשן.

איך האב מיטגעהאלטן א שמועס צווישן צוויי פרויען, איינע פון זיי איז אריבער אינמיטן ווינטער וואוינען אין א ווייטערע געגנט אין א גרויסע הויז, און די אנדערע פרוי פרעגט איר: "דו וואוינסט יעצט אין ממש א גרויסע דירה, נישט אזוי?"

ענטפערט זי: "יא, ברוך השם!"

"ס'איז דיר נישט שווער יעצט ערב פסח?"

"ניין... איך לויף נישט אלעס נאך, ס'איז א גרויסע הויז, איך דארף די פלאץ, אבער ס'איז טאקע דא למשל ווינקלעך און פענסטער וואס איך האב עס נאך קיינמאל נישט ריין געמאכט, און איך גיי עס אויך נישט מאכן יעצט פאר פסח!"

די אנדערע פרוי פארשטייט נישט: "אבער ס'איז נישט געשמאק אז ס'איז נישט ריין?"

"טאקע, ס'גייט מיר צומאל אביסל אויף די נערוון, איך ווער נערוועז פון דעם, אבער איך ווייס אז איך דארף עס נאכלאזן, פאר מיין נפש, ס'איז נישט געזונט צו לעבן אזוי, א גאנצן טאג נאכלויפן די ריינקייט".

"אינטרעסאנט" - זאגט די ערשטע - "איך בין געווען די עלטסטע פון א שטוב מיט פיצלעך, ווען איך בין געווען א גרויסע מיידל האבן מיר זיך אריינגעצויגן אין א נייע הויז, און מיין מאמע האט נאר געקוקט אז אלעס זאל זיין פראקטיש, טונקעלע קאלירן, פענסטער'ס מיט א מוסטער אויף די גלאז אז מען זאל נישט דארפן ריין מאכן, אלעס האט זיך געדרייט ארום די זאך, מען זאל נאר נישט דארפן ריין מאכן, און מען זאל נישט דערקענען די שמוץ, איך האב עס נישט אויסגעהאלטן איך האב זיך געשעמט צו ברענגען חבר'טעס ביי אונז, ביי מיר אינדערהיים מוז אלעס ווערן אויסגעגלאנצט יעדע וואך אדער מיט א גוי'טע, אדער גלאנץ איך אלעס איבער אליין, ווילסט מיר זאגן אז ריינקייט איז נישט געזונט?"

"איך ווייס דיר נישט וואס צו זאגן" - ענטפערט איר איר חבר'טע - "איך האלט יעצט אינמיטן זיך היילן, מיין היילונג איז דווקא זיך נאכלאזן, נישט נאכלויפן דעם טאג, און איך זאג דיר עס שוין יעצט, ווייל לויט ווי דו לעבסט וועסטו אויך דארפן אנקומען צו היילונג"..

די פרוי האט אויסגעזען זייער פארלוירן און צומישט, און דער אמת צו זאגן בין איך אויך געווארן אביסל צומישט, אפשר בין איך נישט נארמאל אז איך האב אזוי הנאה פון א ריינעם צימער? אפשר פעלט מיר עפעס אז איך כאפ זיך ארויף אויף דעם געלעגנהייט צו מאכן סדר אין די שאפעס?

אבער פון די צווייטע זייט זעט מען פילע פרויען וואס גייען צו קורס'ן וואס זאל זיי העלפן אנקומען צום סדר מיט סדר, וואס איז פשט אז דווקא דעם זמן חירותינו, דער יום טוב וואס סימבאלירט אונזער אויסלייזונג, זענען מענטשן אזוי פארנומען מיטן לויפן צו טערעפיסטן און ווערן פארקנעכטעט א גאנץ לעבן?

ווען מען קוקט אריין אין די הלכות זעט מען אז מאכן פסח איז נישט אזא געפערליכע בארג און די הלכות טוישן זיך נישט, עס גייט אן די זעלבע הלכות פאר א שטוב מיט פיצלעך, גרויסע מענטשן, און עלטערע זיידע'ס און באבע'ס. עס איז דא אויסער דעם פילע ארבעט וואס האט גארנישט מיטן פסח, און אז א פרוי פילט אז עס איז איבער אירע כוחות, פארוואס דארף עס הייסן היילונג? און פארוואס דארפן פרויען מיט געבענטשטע שטיבער לויפן זיך העלפן מאכן סדר? וואס קען מען טון... מיר לעבן היינט אין א עמאשענעל גלות...

אויב אזוי איז נישטא קיין אנדערע ברירה, נאר מען מוז זיך נעמען צום פסח אליין... פסח זאגט דער הייליגער רבי מיינט פה - סח, א מויל וואס רעדט, דאס איז די איינציגסטע עצה פאר אלע פראבלעמען.

צו מען מאכט איבער די גאנצע הויז, צו מען מאכט פסח נאר וואס ס'שטייט אין הלכות, און אויך צו מען מאכט בכלל נישט פסח אינדערהיים, און מען גייט צו די עלטערן. לאמיר עפענען דאס מויל, און בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער! העלף מיר מיטנעמען דעם פסח אויף א גאנצן יאר! העלף מיר איך זאל אלעמאל רעדן צו דיר, איך זאל אלעמאל אלעס בעטן נאר פאר דיר, און איך זאל אלעמאל דיר שטענדיג דאנקען אויף די פילע גוט'ס וואס דו טוסט מיט מיר!"

א מחי'!!! אראפ אלע שטיינער, אויסגערייניגט אלע שמוץ! איך דארף נישט הערן וואס יענער האט צו זאגן, איך בין אויסגעלייזט!!!



ווען וועט שוין ירושלים ווערן

# אויסגעלייזט?

זייט 42

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM





יואליש ראטה מצה בעקעריי


נחמן נתן שניצלער


פייגי קרויס


צפורה בירנבוים



יואלי מארקוס



פייגי לאנדא

# א מעשה פון תפלה

# געמאלן



אִיךְ ווִיל זֵייעֶר
שְׁטַארְק
פָּארְן מִיט אַן
עֶרָאפְּלַאן



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף
אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּארְן
מִיט אַן עֶרָאפְּלַאן



שְׁכּ֒חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ בִּין גֶעפָּארְן
אוֹיף אַ פְלִיגֶער,
עֶס אִיז גֶעווֶוען
זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק

געמאלן דורך:
תלמידה בית פייגא
קרית ברסלב



אוֹי ווַיי פְרֵעדִי
ווֵיינְט.
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף מֶען זָאל
טְרֶעפְן דַיין צַאמִי



אָה חַיִים הָאט
גֶעטְרָאפְן אַ
צַאמִי פַאר
פְרֵעדִי



שְׁכּ֒חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
מֶען הָאט
גֶעטְרָאפְן דַיין
צַאמִי!

געמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן תחי'
בית פייגא קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלערייען!
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש האט מבטיח געווען: "יעדע בחור און יעדע מיידל וואס וועט קומען צו זיין ציון אויסזאגן תהילים לזכותו - וועט ער נישט רוען ביז ער וועט טרעפן א שידוך!"

## ברסלב'ע חידות

**רבי נתן פלעגט זאגן: "אפילו א בעל עבירה, אויב וועט ער זיך האלטן אין רבי'ן, וועט ער ביים סוף**

א. וועלן פאררעכטן
ב. אלעס פאררעכטן
ג. אויספירן
ד. א קרעכץ טאן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ראש חודש ניסן איז די געבורטסטאג פון הייליגן רבי'ן

## געב א שמייכל

**ווער האט נישט קיין ציין, און ווען ער קומט אן הייבט מען אן פאטשן? (קודם טראכט...)**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**מג. אֵין יְרוּשָׁלַיִם נִפְדֵּית, אֶלָּא בִּצְדָקָה.**

**מד. מִלְחָמָה אַתְחַלְתָּא דִּגְאֻלָּה הִיא.**

מג. יְרוּשָׁלַיִם וֶועט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, נָאר דוּרְךְ צְדָקָה.

מד. מִלְחָמָה אִיז דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי גְאוּלָה.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו ארייינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **שמואלי בירנבוים - קרית ברסלב - כתה ה**



MOST
INSURANCES
ACCEPTED

CARE FOR
AGES 1-65



# RASH PHOTO REVIEWED, PRESCRIPTION SENT!

OUR PROVIDERS ARE STANDING BY, READY TO OFFER REAL ANSWERS, QUICK DIAGNOSES, AND PRESCRIPTIONS FOR COMMON MEDICATIONS—ALL THROUGH A SIMPLE PHONE CALL. WHENEVER YOU NEED US, WE'RE HERE.

SCHEDULE YOUR SAME DAY APPOINTMENT

**718.208.2030**

Telehealth
Medease
WHEN A CALL IS ENOUGH

nussi pinexteam

# *Shop for the whole family*

Shirts | Pants | Belts | Socks | Pajamas | Underwear | Tights | Lingerie | Diapers | Onesies | Bibs | Rain Coats | Swimwear | Terry Robes




**845.747.5552**

1619 Rt. 52 Liberty N.Y.

Teitelbaums DRY GOODS

**Hours** Sun. 12:00-6:00 Mon. - Thurs. 10:30-6:00 Fri. 10:30 - חצות

*sruliHeskel




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



קריאת מגילה אין היכל הקודש קרית יואל



משתה היין אין היכל הקודש קרית יואל





קריאת מגילה אין היכל הקודש מאנסי







לחיים ביים גיסן די מקוה פאר'ן נייעם בית המדרש אין שטעטל



ביים לייגן די טראסעס אויפן דאך פון בית המדרש אין שטעטל



קריאת השם לבת מו"ה אברהם פרידריך הי"ו